The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

אונזערע טעלעפאן נומערן זענען 6830 6831 טריניטי

אונזער אפיס איז אין 542 דאנדעס וועסט

VOLUME XVII No 7381 — Sunday, August 17th, 1930 — יום א׳, כ״ג אב פרשה ראה תר״צ. — טאראנטא, זונטאג דער 17טער אויגוסט, 1930. — PRICE THREE CENTS

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY AUG ASTOR, LENOX TILDEN FOUNDATIONS

פארבאט אויף אייראפייאישער איינוואנדערונג שוין אריין אין קראפט

בלויז פרויען און קינדער פון קאנאדער איינוואוינער וועלען אריינגעלאזען ווערען

לויט דעם נייעם פארבאט וועלען קיינע אימיגראנטען פון מזרח און דרום אייראפע פאקטיש ניט קאנען אריינקומען אין לאנד. — אפילו די ספעציעלע אפמאכען מיט די אייזענבאהנען וועלען בטל ווערען. — שוועריגקייטען אויך געמאכט געווארען געגען בריטישע אימיגראנטען.

אטאווא, אויגוסט 16.

די גזרה געגען אייראפייאישער איינוואנדערונג איז שוין איצט א פאקט, און פון היינט אן און ווייטער וועלען מעהר ניט אריינגעלאזען ווערען אין קאנאדא קיין שום אימיגראנטען פון מזרח און דרום אייראפע. דער „זשורנאל" איז געווען די ערשטע און די איינציגע אידישע צייטונג אין קאנאדא וועלכע האט מיט א וואך צוריק נאך באריכטעט וועגען דער שטעלונג פון דעם נייעם אימיגראציאנס מיניסטער, האנ. א. גארדאן, קי. סי. צו אימיגראציע, און דאמאלסט האט דער „זשורנאל" באריכטעט, אז מען קאן דערווארטען באלדיגע ענדערונגען אין דער אימיגראציאנס-„פאליסי" פון קאנאדא.

פרייטאג איז אן „ארדער-אין-קאונסיל" שוין ארויסגעגעבען געווארען פון דער רעגירונג אין אטאווא, מאכענדיג אבסאלוט אונמעגליך פאר אן אייראפייאישען אימיגראנט צו אריינקומען אין לאנד. די רעגירונג גיט דערביי אן, אז דער דאזיגער פארבאט וועט אזוי לאנג זיין אין קראפט ביז די ארבייטס-סיטואציע אין לאנד וועט זיך פארבעסערען, און דאס לאנד וועט זיך פיהלען בכוח צו אויפנעהמען א נייעם שטראם פון איינוואנדערער. אבער אפילו דאמאלסט וועט אויך באקומען דעם פארצוג דער בריטישער אימיגראנט, און אין דער צווייטער קאטעגאריע קומט דער סקאנדינאווישער, און ערשט צולעצט פאלגט נאך דער אייראפייאישער.

די אייזענבאהן-אפמאכען לויט וועלכע עטליכע טויזענט אייראפעאישע פארמערס און דינסט-מיידלאך פלעגען אריינגעבראכט ווערען דורך די ספעציעלע פריווילעגיעס פון די אייזענבאהן קאמפאניעס, יעדען יאר, וועלען בטל ווערען, אזוי שנעל ווי זייער טערמין וועט אין גיכען געענדיגט ווערען.

די רעגירונג האט געמאכט אן אויסנאהם אין דער הינזיכט מיט בריטישע אימיגראנטען וועלכע זענען פיזיש און גייסטיג נארמאל, אז זיי זאלען קאנען אריינקומען אין לאנד, מיט א תנאי אויב זיי האבען מיט זיך גענוג געלט צו קאנען דורכלעבען זיך די ערשטע צוועלף מאנאטען פון זייער אנקומען אהער. די זעלבע פריווילעגיע איז אויך געמאכט געווארען וועגען אזעלכע וואס ווילען אהער אריינקומען פון די פאראייניגטע שטאטען. וואס אנבאלאנגט אבער וועגען אייראפייאישע איינוואנדערער וועלען זיי ניט געניסען פאקטיש פון קיינע פריווילעגיעס, פאר זיי זענען אלע טויערען פון לאנד פעסט פארזינגעלט.

עס איז אבער געמאכט געווארען, לויט ווי עס איז שוין ביי א פריהערדיגער געלעגענהייט געווען באריכטעט אין „זשורנאל", אן אויסנאהם בנוגע זעהר נאהענטע קרובים (פרויען און קינדער), וועלכע מען וועט לאזען אריבערברענגען אהער פון אייראפע.

די רעגירונג וועט מאכען אלע אנשטרענגונגען צו ברענגען צוריק וואס מעהר קאנאדער איינוואוינער וועלכע האבען אין פארלויף פון די לעצטע יארען אויסגעוואנדערט פון לאנד אין די שטאטען. פארמערס פון אייראפע וועלכע האבען גענוג געלט צו באזעצען זיך תיכף אויף ערד, און זיי זאלען ניט פאלען צו קיינעמ'ס לאסט, וועלען מעגליך אויך אריינגעלאזען ווערען אין זעהר א באגרעניצטער צאהל.

דער נייער פארבאט איז געמאכט געווארען מיט'ן צוועק כדי צו העלפען אפשאפען די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד. די רעגירונג גלויבט, אז דערמיט וואס זי וועט מעהר ניט אריינלאזען אהער קיין אימיגראנטען, וועלען דזשאבס אריינפאלען ממילא אין די הענט פון די קאנאדער ארבייטער.

אלע מיטלען וואס זענען ביז איצט אנגעוואנדט געווארען צו אריבערברענגען אהער וואס מעהר אימיגראנטען פון ענגלאנד, וועלען איצט אויך אפגעשאפען ווערען.

א דאנק די פריווילעגיעס וואס די אייזענבאהנען האבען אין די לעצטע יארען געהאט צוליעב די ספעציעלע אפמאכען מיט דער פריהערדיגער רעגירונג, האבען זיי אריבערגעבראכט אהער פאר די לעצטע דריי יאר 53 טויזענט אייראפייאישע איינוואנדערער. פון א אידישען שטאנדפונקט וועט דער נייער פארבאט זיין פון קנאפער באדייטונג, ווייל אויך פריהער האבען זיך אידען ניט באנוצט מיט די פריווילעגיעס פון די אייזענבאהן-אפמאכען.

רוסלאנד קויפט ווייץ אין קאנאדע

וויניפעג, אויגוסט 16.

א באשטעטיגונג פון די פיהרער פון קאנאדעס ווייץ-„פול" איז היינט געמאכט געווארען אז רוסלאנד האט געקויפט א קארגא ווייץ פון קאנאדע, וועלכעס וועט לויט'ן קאנטראקט דארפען צוגעשטעלט ווערען קיין וולאדיוואסטאק פון וואנקאווער.

עקסידענט מיט אכטצעהן אידען ארום ביאליסטאק

ווארשא, אויגוסט 16.

אויף דעם וועג צווישען וואלקאוויסק און ביאליסטאק האט פאסירט אן אומגליק.

אן אמניבוס האט זיך איבערגעקעהרט, און אכטצעהן פאסאזשירען זענען טויטליך פארוואונדעט געווארען.

מייסטע פון זיי זענען אידען, וועלכע מען האט געבראכט אין ביאליסטאק אין א גסיסה צושטאנד.

מעקסיקאנישער קאטעדראל ערעפענט צום ערשטען מאל אין פיער יאר

מעקסיקא-סיטי, אויגוסט 16.

צום ערשטען מאל אין פארלויף פון די פארגאנגענע פיער יאר, איז דער מעקסיקאנער קאטעדראל ווידער ערעפענט געווארען אין מעקסיקא-סיטי, און די גלעקער פון דער קירך האבען ווידעראמאל געקלונגען נאך אזא לאנגען שטילשווייגען.

די ערעפענונג איז פארגעקומען מיט גרויסע צערעמאניעס.

ערנסטער צושטאנד אין אינדיע

סימלא, אינדיען, אויגוסט 16.

צוליעב דער נייער אטאקע וואס איז מיטאמאל געמאכט געווארען פון די אפגהאניסטאנישע שבטים, איז דער צושטאנד אין אינדיען דערקלעהרט געווארען אלס זעהר ערנסטער, און צוליעב דער דאזיגער ערנסטקייט איז קריעגס-צושטאנד דערקלעהרט געווארען אין דעם גאנצען געגענט פון פעשאוואר.

די ענגלישע פאזיציעס האבען געמוזט פארשטארקט ווערען מיט נאך עטליכע באטאליאנען אונטער דער פיהרערשאפט פון בריגאדיר-גענעראל ראבערטסאן. דערצו זענען אויך צוגעשיקט געווארען דריי אינדישע באטאליאנען און אנדערע מיטלען זענען אנגענומען געווארען צו פארשטארקען די ענגלישע פאזיציעס, און אויך צו קענען ביישטעהן אן אטאקע פון די אפגהאניסטישע שבטים.

לויט ווי די לעצטע באריכטען גיבען איבער, איז געלונגען די אפגהאניסטישע שבטים צו צוקריגען נייע כחות, און נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז די דאזיגע שבטים זענען באקאנט אלס פעהיגע קריעגער, איז דאריבער ענטשטאנען א מורא'דיגער פאניק אין דעם ענגלישען לאגער. דער גאנצער פעשאוואר געגענט איז איצט פאקטיש אין קריעגס צושטאנד. די אויסלענדישע איינוואוינער זענען אין טויט-שרעק און גרייטען זיך צו אנטלויפען פון זייערע איינגעזעסענע ערטער, אויב די סיטואציע זאל ווערען פאר זיי א געפעהרליכע.

היינטיגעס יאהר וועט זיין א גרעסערע גערעטעניש ווי לעצטען יאהר

אטאווא אויגוסט 16:—

כאטש די גערעטעניש אויסזיכטען אויף פריהלינג ווייץ זענען געווען ערגער אין די לעצטע וואכען, לויט'ן באריכט פון דער סטאטיסטישער ביורא, וועט אבער קאנאדער שניט דאס יאהר זיין באדייטענד גרעסער ווי לעצטען יאהר.

לעצטען יאהר ביים סוף פון יולי זענען די אויסזיכטען געווען אויף א 66 פראצענטיגען שניט פון צעהן יאריגען דורכשניט. ביים סוף פון יולי דאס יאהר זיינען די אויסזיכטען געווען אויף א 85 פראצענטיגען שניט.

מאניטאבא האט די אויסזיכטען אויף א 100 פראצענטיגען שניט, סאסקאטשעוואן 82 פראצענט, און אלבערטא 86 פראצענט.

סעה. ראבערט בארדען דעלעגאט קיין זשענעווא

אטאווא, אויגוסט 16.

קאנאדא וועט זיין פארטראטען ביי דער קומענדער פארזאמלונג פון דער אסעמבלי פון דער נאציאנען-ליעג אין זשענעווא, פון סער ראבערט בארדען, סענאטאר טאמאס שעפעי און מרס. מערי איירין פארלבי. סער ראבערט וועט זיין דער פיהרער פון דער דעלעגאציע.

גאנדי שיקט בריעף צום ענגלישען וויצע-קעניג

באמבעי, אויגוסט 16.

נאכדעם ווי די ספעציעלע דעלעגאציע פון „מעסיגע" הינדוסען האבען דריי טעג קאנפערירט מיט מאהאטמא גאנדהי אין דער תפיסה וואו ער זיצט, אז ער זאל אויפגעבען זיין קאמף געגען ענגלאנד, האט זיך די דעלעגאציע צוריקגעקעהרט צום ענגלישען וויצע-קעניג, לארד אירווין, פיהרענדיג מיט זיך א בריעף פון גאנדהי'ן.

וואס אין דעם בריעף איז געשריבען ווייסט מען ניט.

אידישע יונגעלייט ווערען אינדוסטריאליזירט אין רוסלאנד

מאסקווע, אויגוסט 16.

אין סאוויעט רוסלאנד האט זיך איצט אנגעפאנגען א גרויסער קאמפיין צו אינדוסטריאליזירען די אידישע יוגענד, אין עלטער פון 18 ביז 30 יאהר.

די ארבייט ווערט פארלויפיג קאנצענטרירט אויף מאביליזירען 28 הונדערט אידישע יונגע לייט פאר די שווערע מעטאל אינדוסטריען אין אוראלער דיסטריקט אליין.

די אורזאכע פאר דער מאביליזאציע פון אידען אין אוראלער דיסטריקט, ערקלעהרט דער שליח כאזאצקי, וועלכער איז ספעציעל געשיקט געווארען אהין אויסצוגעפינען, איז דער זעלטענער ערפאלג פון דער אינדוסטריאליזאציע פון די ערשטע 600 אידישע בחורים דארטען.

באריכט אז ציוניסטען ווילען ליקווידירען אידישע אגענטור ווייל ביידע צדדים זענען ניט צופרידען

ניו יארק אויגוסט 16.

דער היגער „מארגען זשורנאל" מעלדעט אז די ענגלישע אווענט-בלעטער אין ניו יארק האבען געדרוקט א דעפעשע וואס איז ארויסגעשיקט געווארען פון דער „אסאשיאייטעד פרעס" פון ירושלים, אין וועלכער עס איז געווען געמעלדעט אז די העברעאישע טעגליכע צייטונג „דואר היום" פון ירושלים, איז ארויסגעקומען מיט א בעהויפטונג, דאס די ציוניסטען פון ניו יארק, לאנדאן און בערלין האבען ברעה צו ליקווידירען די אידישע אגענטור.

דער „דואר היום" ערקלעהרט אז די ציוניסטישע פיהרער זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז האפענונגסלאז אנצוהאלטען די שותפות מיט די ניט-ציוניסטען, און די ניט-ציוניסטען זעלבסט זיינען אויך ניט צופרידען.

דער „דואר היום" איז ווי בעקאנט א רעוויזיאניסטישער ארגאן און עס קלינגט מאדנע, מילד גערעדט, אז גראדע די רעוויזיאניסטען, וועלכע זיינען געגנער פון דער אגענטור, זאלען וויסען פריהער פון אנדערע וואס די ציוניסטען און די ניט ציוניסטען האבען ברעה צו טהאן וועגען דער אגענטור.

רעוויזיאניסטען באשליסען ניט צו געגענשטעלען זיך דער הסתדרות.

פראג, אויגוסט 16.

ביי דער שלוס פארזאמלונג פון די רעוויזיאניסטען וועמענס פערטע יערליכע קאנפערענץ איז דא אפגעהאלטען געווארען, איז א פארשלאג געמאכט געווארען פון מרדכי דאנציס, דער איינציגער אמעריקאנער פארטרעטער ביי דער קאנפערענץ אז די רעוויזיאניסטען זאלען זיך ניט געגענשטעלען די הסתדרות אדער די ארבייטער יוניאנס אין ארץ ישראל. דאס וועט צוברעכען די ארבייטער רייהען, האט ער געזאגט.

דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען.

א באשלוס איז אויך אנגענומען געווארען צו שטיצען מעהרער די רעוויזיאניסטישע באוועגונג אין אמעריקע.

קאלאניאל אפיס האט געפלאנט צו פארבאטען אידען קויפען לאנד אין ארץ ישראל.

לאנדאן אויגוסט 16.

דער היגער „דזשואיש קראניקעל" דעקט אויף אין זיין אויסגאבע פון מארגען ווי אזוי עס איז געשעהן אז די געפלאנטע גזירה אויף לאנד פארקויף אין ארץ ישראל איז מיט אמאל אפגעשטעלט געווארען.

דער קאלאניאל אפיס, וועלכער האט ארויסגעגעבען די אימיגראציע גזירה אויף דעם סמך פון דעם בעריכט פון דער שאו קאמיסיע, האט אויך געהאלטען ביי ארויסגעבען אן עהנליכע גזירה וועגען לאנד פארקויף צו אידען, און אויך אויפ'ן סמך פון דעם זעלבען בעריכט פון דער שאו קאמיסיע.

דר. וויצמאן איז דאן געווען אין זשענעווא, אבער פנחס רוטענבערג איז געווען אין לאנדאן, און מען האט איהם פון קאלאניאל אפיס געלאזט וויסען, אז א לאנד פארקויף גזירה וועט גלייך ארויסגעגעבען ווערען.

רוטענבערג האט זיך געבעטען אז מען זאל עס ניט טאן, ווייל די גזירה וועט מאכען א שלעכטען איינדרוק אויף דער וועלט, און ער האט געראטען, אז אנשטאט א גזירה זאל דר. וויצמאן זיך פארפליכטען שריפטליך, אז אידען וועלען ניט קויפען קיין באדען אהן דער ערלויבניש פון דער רעגירונג.

אבער ווען דר. וויצמאן האט ערפאהרען וואס דער קאלאניאל אפיס פלאנט איז ער גלייך געקומען קיין לאנדאן, און ער האט געלאזט וויסען דעם קאלאניאל אפיס אז ער וועט בשום אופן ניט געבען קיין געשריבענע גאראנטיע.

די רעגירונג האט בעגריפען אז דר. וויצמאן מיינט עס ערנסט און זי האט אויפגעגעבען דעם פלאן.

גרייטען זיך צום פעקטאר פיקניק

גרויסע הכנות ווערען געמאכט אויף קומענדען מיטוואך ביטאג, צום ערשטען יערלאכען פעקטאר פיקניק, וועלכער וועט פארקומען אין הענלענ'ס פאינט סטאדיום.

ספעציעל ווערען צוגעגרייט גרויסע און שעהנע מתנות פאר די קינדער, וועלכע ווערען ערווארטעט אין א גרויסער צאהל.

בילעטען צו באקומען אין „זשורנאל" אפיס, פריי.

אר-100 דערגרייכט ענגלאנד אין 59 שטונדען

קארדינגטאן, אויגוסט 16.

נאך 59 שטונדען זינט די גרויסע ענגלישע לופט-שיף אר-100 האט זיך ארויסגעלאזען פון דעם סט. יובערט לופט-פעלד, אויף איהר רייזע צוריק אהיים, איז זי היינט ענדליך אנגעקומען קיין קארדינגטאן, ענגלאנד, וואו זי איז באגעגענט געווארען פון א גרויסער מאסע מענשען.

די לופט שיף איז ארויסגעפלויגען פון סט. יובערט מיטוואך 8.30 אווענט, איסטערן סטענדערד צייט אדער 9.30 (דעילייט סייווינג צייט). דאנערשטאג עלף אזייגער פריה איז זי געווען איבער בעל איילאנד אנהויבענדיג איהר רייזע איבערן אטלאנטיק.

דעם זעלבען טאג ארום 1 אזייגער נאכמיטאג איז זי געווען ארום 175 מייל אין מיטען ים. און פרייטאג 1 אזייגער באגינען איז זי געווען ארום 790 מייל פון בעל איילאנד, פליהענדיג אין א שלאגס-רעגען. שבת 12.20 באגינען איז זי געווען איבערן בריסטאל קאנאל און 4.40 שבת פארטאג איז זי שוין געווען אין קארדינגטאן.

אין דורכשניט איז זי געפלויגען ניט מעהר ווי 58 מייל א שטונדע, בעת דער „גראף צעפעלין" האט אויף זיין לעצטער לופט-רייזע פון לייקהורסט קיין פרידריכסהאפען געפלויגען אין דורכשניט 75 מייל א שטונדע, דורכמאכענדיג דעם גאנצען וועג איבערן אטלאנטיק אין 55 שעה און 24 מינוטען.

מען דערווארט אז אין א מאנאט ארום זאל די לופט-שיף „אר-100" קומען ווידער אמאל אין קאנאדע. און עס איז זעהר מעגליך אז קאנאדעס פרעמיער האנ. ר. ב. בענעט וועט פליהען מיט דער שיף צוריק קיין ענגלאנד צו באטייליגען זיך אין דער אימפעריאלער קאנפערענץ.

פאליציי האט נאך ניט געפונען קיין שפור פון דערמארדעטער אידישער פרוי

מען גלויבט אז די זעלבע באנדיטען האבען אויך דערמארדעט דעם רייכען ריעל-עסטייטניק פיליפ ראמבאלד: מען דערוויסט זיך אז די האמילטאנער פאליציי איז געווארענט מיט צוויי טעג פריהער, אז די פעריס וועלען אפגערוימט ווערען.

האמילטאן אויגוסט 16.

דאס איינציגע וואס עס איז ביז איצט געלונגען צו אויפטאן אין דעם מארד אויספארשונג פון בעסי פעררי איז צו ארעסטירען אן איטאליענער וועלכער וואוינט אין האמילטאן. דערווייל איז נאך געגען איהם ניט געמאכט געווארען קיין שום קלאגע וועלכע זאל האבען א דירעקטע שייכות מיט דעם מארד. אבער די פאליציי איז מיט דער מיינונג אז ער האט געהאלפען צוגנב'ענען די לייסענס פלאטען וועלכע זענען געפונען געווארען וואלגערענדיג זיך ארום דעם פלאץ פון מארד.

די דאזיגע לייסענס פלאטען זענען פון אן אויטאמאביל פון ניו יארק סטייט, און אן אויספארשונג האט באוויזען אז דער אייגענטימער פון דער קאר פון וועלכען די פלאטע איז ארונטערגענומען געווארען הייסט איזידאר לא דיקטאר, וועלכער וואוינט היינט אין נייאגרא פאלס, ניו יארק. עס איז אבער באשטעטיגט געווארען אז ער האט ניט געהאט קיין האנט אין מארד.

די פאליציי האט נעכטען אויסגעדריקט איהר מיינונג אז דער רייכער ריעל-עסטייטניק פיליפ ראמבאלד, וועלכער איז מיט עטליכע מאנאטען צוריק דערמארדעט געווארען פון א מיסטעריעזער האנט, איז געפאלען א קרבן פון די זעלבע מערדער, דורך וועלכע די אידישע פרוי פון דעם איטאליענישען „בוטלייגינג קעניג" איז דערמארדעט געווארען.

מען דערוויסט זיך איצט אויך אז די האמילטאנער פאליציי האט בעהאט א ווארונג מיט צוויי טעג איידער דער מארד איז באגאנגען געווארען, אז ראקא פעררי און זיין פרוי וועלען „אפגערוימט ווערען". פאר דעם צוועק איז א פאליסמאן אוועקגעשטעלט געווארען אויף א גאנצער נאכט צו היטען דאס הויז. אבער אזוי ווי עס האט ניט פאסירט קיין אויסערגעוועהנליכע זאך דורך דער נאכט, איז דאס הויז ניט געהיט געווארען.

געגען פעררי'ן האט געהאט א פארדרוס זיינער א געוועזענער געהילף, ביי וועמען ער זאל האבען אויסגענארט אדער ניט באצאהלט א באדייטענדע סומע געלט.

רוסישע עקספעדיציע געפינט לאנד אין ארקטישע געגענדען

מאסקווע, אויגוסט 16.

די רוסישע ארקטישע עקספעדיציע וועלכע האט זיך ארויסגעלאזען איבער די ארקטישע געגענטען אויף דעם אייזברעכער „סעדאוו", האט היינט ארויסגעשיקט א ראדיא-„מעסעדזש", אז אין די ווילדערנישען פון דעם ארקטיק האט זי געפונען גרויסע לאנד-שטחים וועלכע ציהען זיך מערב-צו.

די עקספעדיציע וועט אויפשטעלען א סאוועטישען פלאג אין דעם נייעם באדען, וואס דאס מיינט, אז דער באדען באלאנגט צו רוסלאנד.

זאגט אז ענגלאנד שטערט שלום צווישען אידען און אראבער

ווארשא אויגוסט 16.

אהער איז איצט געקומען דער אראבישער אדוואקאט מאכמעד אל-טאוויל, וועלכער איז איינער פון די הויפט אגיטאטארס פאר שלום צווישען אראבער און אידען, און ער האט דא ערקלעהרט אז די ארץ ישראל רעגירונג שטערט יעדע באמיהונג צו שאפען שלום צווישען אראבער און אידען.

לעצטע האפענונג ראטעווען מיינערס

בלעקבורן, ב. סי., אויגוסט 16.

אלע לעצטע האפענונגען צו ראטעווען די 46 מיינערס וועלכע זענען פארשאטען געווארען לעבעדיגערהייט, בעת א גאז עקספלאזיע האט פאסירט אין דער מינע וואו זיי האבען געארבייט, זענען איצט אויפגעגעבען געווארען, נאכדעם ווי עס איז פארבאטען געווארען צו אנגעהן מיט דער הילפס-ארבייט אויס מורא פאר א נייער עקספלאזיע.

באאמטע וועלכע האבען אונטערזוכט די רואינע האבען פעסטגעשטעלט, אז צוליעב דעם רויך וואס קומט כסדר ארויס פון אינעווייניג איז עס א סימן, אז די גאז ברענט נאך דארט, און עס איז מעגליך אז א נייער אויפרייס זאל פארקומען ווען דאס פארשאטענע ערד וועט אויסגעגראבען ווערען. די ארבייטער וועלכע האבען ביז איצט געארבייט צו אויפגראבען די מינע האבען דאריבער גלייך אפגעשטעלט די ארבייט, מורא האבענדיג פאר זייערע אייגענע לעבענס.

דער טרויער פון די פרויען און קינדער, מוטערס, פאטערס און קרובים פון די אומגעקומענע 46 מיינערס איז ניט צו באשרייבען. זיי טרעטען ניט אפ פון דער מינע, מיט דער האפענונג אפשר וועט געלינגען צו ארויסשלעפען זייערע נאהענטע לעבעדיג.

וועט היינט באערדיגט ווערען אויף א אידישען בית עלמין.

דער קערפער פון דער דערמארדעטער אידישער פרוי וועט היינט זונטאג באערדיגט ווערען אויפ'ן בית-עלמין פון דער אוהב-צדק שוהל, אויף מאונט-העמילטאן. די גאנצע צייט זינט זי איז דערמארדעט געווארען, איז איהר קערפער געלעגען אין איהר הויז אין אן ארון, מיט ברענענדיגע ליכט, און א יארצייט-לעמפעל צוקאפּענס און עטליכע בלומען-קראנצען צופוסענס.

לויט ווי מען גיט איבער האט זי דוקא געהאט א פרייע האנט פאר אלע איהרע אידישע פריינט און קרובים.

האבען אמאל געלעבט אין ארימקייט.

פון סט. קעטרינס, וואו בעסי האט אין יאהר 1918 געלעבט מיט איהר איטאליענישען מאן, דערצעהלט מען, אז אין יענער צייט איז פעררי געווען א שווערער ארבייטער גראבענדיג קאנאלען און אנדערע שווערע מלאכות. דאמאלסט זענען זיינע פארדיענסטען געווען אזעלכע מאגערע, אז זי פלעגט ארומגעהן מיט אפגעריסענע קליידלאך און האלב-צעפעטענע שיך. זעהר אפט האט זי געהונגערט גאנצע טעג, און דאס זעלבע האט ער אויך געליטען.

אבער זי איז געווען גליקליך ווייל זי האט ליעב געהאט דעם איטאליענישען בחור מעהר ווי זיך אליין, און אלע צרות האט זי דאריבער אנגענומען פאר ליעב. זי האט גערעדט א גוטען איטאליעניש און זי איז געווען זעהר באליעבט אין דער איטאליענישער קאלאניע אין סט. קעטרינס.

זיי האבען געהאט בלויז איין קינד, וועלכעס איז אבער באלד געשטארבען.

1000 דאלאר באלוינונג פאר געפינען מערדער.

די שטאדט האמילטאן וועט אנבאטען א באלוינונג פון 1000 דאלאר צו יעדען איינעם וואס וועט פיהרען אויף א שפור פון די מערדער.

היינט דער „פרייד אף איזראעל" פיקניק

אין לאנג ברענטש פארק קומט היינט פאר דער פינפטער יערלאכער פיקניק פון די „פרייד אף איזראעל סיק בענעפיט סאסייעטי". א גרויסער עולם ווערט ערווארטעט, און אלעס איז צוגעגרייט צום דינסט פון די וועלכע וועלען ארויסקומען פארברענגען א טאג מיט די מיטגלידער פון דער סאסייטי.

וואל.:. סטריט

(א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם אידיש־אמעריקאנעם לעבען היינט צו טאג, געבוים אויף די לעצטע פאסירונגען אין וואל סטריט.

— פון —

מארק סארדעל

(פארזעצונג)

און זי איז גרייט געווען צו פיהלען אויף זיך גאט'ס שטראף מיט דער פולער ביטערקייט. ניין, זי וועט צו קיינעם ניט געהן. זי וועט ביי קיינעם קיין הילף ניט בעטען.

זי האט געטראכט וועגען דעם גרויען פריהמארגען, וועגען דער קעלט אין איהר צימער, וועגען דעם כעס פון דעם בייזען לענדלארד, און, צו לעצט, וועגען דער גוטסקייט פון יענער בלאנדער פרוי, וועמעס נאמען זי האט אפילו ניט געפרעגט. פארוואס איז יענע געווען אזוי גוט צו איהר? זי איז דאך אן עלענדע, א געפאלענע, א פרוי וואס פארקויפט איהר לייב. פארוואס־זשע האט זי פונדעסטוועגען אזא גוטע נשמה? פארוואס האט זי איהר אזוי פיעל גוטסקייט ארויסגעוויזען און אפילו שוועסטער גערופען?.... הייסט עס, אז מען קען זיין געפאלען און דאך האבען א ריינע, שעהנע נשמה...

און פארוואס איז זי, לארא, געווען אזוי גרוים ביי זיך און האט יענער'ס הילף ניט געוואלט אננעהמען? פארוואס באטראכט זי זיך אלס ריינער ווי יענע? האט זי, לארא, דען ניט געזינדיגט? האט זי זיך דען ניט איבערגעגעבען צו א ווילדער בעסטיע, צו א מיאוס'ן שכור? האט זי דען קארג געליטען ביז זי איז פטור געווארען פון יענער מיאוס'ער פרוכט וואס האט זיך, דאמאלסט אנגעהויבען אנטוויקלען אין איהר קערפער? מיט וואס גרויסט זי זיך אזוי פיעל קעגען יענער, דער בלאנדער?

לארא האט געפיהלט, אז צווישען איהרם און יענער איז פאראן א גרויסער, זעהר אגרויסער אונטערשיד, און וויפיעל זי זאל זיך ניט וועלען איינריידען, אז זי בלאנדע, וועט אלץ זיין א גרויסער תהום איז פונקט אזוי געפאלען ווי יענע. די צווישען זיי ביידען. יא, די בלאנדע איז טאקע געווען גוט צו איהר. אבער זי וויל איהר גוטסקייט ניט אננעמען. זי האט צוריקגעוויזען סעמועל'ס טשעק אויף פינף טויזענט דאלאר. זי איז אנטלאפען פון איהר מוטער כדי ניט צו פאלען קיין לאסט אויף איהר. פארוואס זאל זי אננעמען הילף פון א ווילד־פרעמדער פרוי, דערצו נאך פון אזא מענש ווי די בלאנדע איז?....

אבער וואו זאל זאל זי געהן? דער גרויער ווינטער טאג האט שוין געהאלטען ביים סוף. ס'איז געווען נאך דריי דעם זייגער, אבער דער גרויער הימעל און דער עלעווייטער איבער'ן קאפ האט געמאכט, אז די נאכט זאל דארט צופאלען א סך פריהער ווי אין אנדערע גאסען. ווידער האט דער הונגער זי אנגעהויבען צו מוטשען, די געשמאקע שפייזען, וואס זענען געווען אויסגעשטעלט אין די פענסטער, האבען געצייצט איהר אפעטיט. ווידער איז דאס וואסער איהר געקומען אין מויל. ווידער האט זי דערפיהלט ווי די שלייפען הויבען אן שטארק צו קלאפען און ווי די אויגען הויבען אן צו פארציהען זיך מיט א לייכטען נעבעל. זי וועט אוועקפאלען אין מיטען גאס... קיינער וועט זיך אויף איהר ניט אומקוקען, מען וועט מיינען א שכור'ע, אן עלענדע, א גאסען פרוי...

פע... ווי מיאוס דאס לעבען איז...

וואו זאל זי געהן ביינאכט? דער בייזער איטאליענער וועט זי מעהר אין איהר צימער ניט אריינלאזען. אפשר האט ער עס שוין צו א צווייטער פארדונגען... די בלאנדע איז געווען אזוי גוט צו איהר... א געלעגער, האט זי געזאגט, וועט זי האבען גרייט פאר איהר... אבער ווי קען זי געהן צו איהר... ניין, ניין.... בעסער אויף דער גאס נעכטיגען.

א גרילצענדיגער געשריי פון א האלב חייזעריגער שטימע האט זי אויפגעוועקט פון איהרע שווערע געדאנקען. זי איז געשטאנען אין פראנט פון א ביליגער "דאים־שאו" און א מאן אין א גרינעם דזשעקעט, מיט א גרויסער טרובע ביים מויל, האט געהאלטען אין איין שרייען:

— טען סענטס! טען סענטס! גרייטעסט וואונדער אף די וואירלד!...

לארא איז געבליבען שטעהן און האט געקוקט אויף די גרויסע ווילדע פלאקאטען וואס זענען געווען אויסגעקלעפט איבער דעם אריינגאנג צו דער "דאים שאו". א ברייטע פרוי מיט גראבע פיס, ווי קלעצלאך, האט פארנומען א האלב פון דעם פלאקאט, און אונטען איז געווען אונטערגעשריבען: "לײדי פעטסי, וועגט זיבען הונדערט מיט דרייצעהן פונט". לעבען איהר איז געווען דאס בילד פון א דינעם מאן, דין ווי א טוטפיק און הויך, ביז אריבער דעם פלאקאט. עס איז איהר ניט גוט געווארען פון די צוויי מאדנע פארדעהנישען און זי האט מעהר אהין ניט געוואלט קוקען.

(ווערט פארגעזעצט)

די בענק אף נאווא סקאשיא

אויסלענדישע דרעפטס געקויפט און פארקויפט

מיר האבען גרויסע פארבינדונגען מיט אויסלאנד און מיר קענען ארויסגעבען דראפטס פאר ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, פוילען יוגאסלאוויע, טשעכא־סלאוואקיא, און כמעט אלע פרעמדע לענדער.

אונזערע אפישעלס געפינען זיך אין לאנדאן און ניו יארק. דירעקטע טעלעגראפישע "ווייערס" צו מאנטרעאל און ניו־יארק, בעסטע עקסטשיינדזש רייטס.

קאפיטאל — $10,000,000
רעזערוו — $20,000,000

THE BANK OF NOVA SCOTIA

קווין און מעקאל סטריטס.
ת. סאטערלאנד, מענעדזשער
ספעדיינע און דאנדעס
ס. פ. ניקאהם, מענעדזשער.

נייעס פאר טאראנטאר אידען

אייער אלט באקאנטער שוחט, י. ז. שניידערמאן האט ערעפענט א שלאכט הויז אין דער ריער פון 849 דאנדעס סט. וועסט, אונטער דער השגחה פון ועד הרבנים און די קהלה. איך בעט אלע פריינט, טשיקען דיעלערס און פריוואט מענשען זיי זאלען מיר פאטראנייזען. כשרות און צופרידענהייט גאראנטירט.

מיט אכטונג
י. ז. שניידערמאן.

145

מעדזשיק געז איז גלייך צו געז 3 סענט א גאלאן. אן אומשעדליכער גאראנטירטער פראדוקט. גענוצט פון די גרעסטע באס קאמפאניעס, לייבעלס, צירקולארען, לעטערהעדס, מיט'ן אגענט'ס נאמען צוגעשטעלט. פרייע איינצעלהייטען און פראבעס.

P. A. Lefbevre & Co. Ltd.
Magic Gas Building
Alexandria, Ont.

THE DOMINION BANK

עדלייד און ספעדיינע עוו. ברענטש

לאדעט ספעציעל איין אין איהר ברענטש די סוחרים פון דעם דיסטריקט צו ווערען מעהר היימיש אין דער באנק. געלט קיין אייראפא שיקען מיר צו די ביליגסטע פרייזען. אויסגעצאהלט אין אמעריקאנער דאלארס, אדער ווי אזוי איהר ווילט.

זעהט אונז איידער איהר שיקט געלט. איהר וועט זיכער זיין צופרידען.

ס. ק. קוקי, מענעדזשער

צו פארקויפען

צו פארקויפען אין בעסטען אידישען געגענד דעליקאטעסען ביזנעס. אורזאכע קען ניט אטענדען. איז ווילינג צו געבען א "טריי אוט" פרעגען 337 ספעדיינא עוו.
2364-8-20

לעזט און קויפט די גרויסע בארגיינס

מעננינג עוו. בריק הויז, סקוועהר פלען הארדוואוד אויף צוויי פלארס. דאבעל גאראדזש. פינף טויזענט דאלאר.

קלינטאן סטריט, בריק, זיבען רומס, סטים היט, דריי טויזענט דאלאר.

שאה סטריט, 8 רומס, סאליד בריק הארדוואוד, פינף טויזענט דאלאר.

ביטרים סטריט, סקווער פלען, סאליד בריק, זעקס טויזענט.

ראקסטאן ראוד, 8 רומס, סאליד בריק, הארדוואוד, דורכאוים, פינף טויזענט דאלאר.

קארנער סטאר צו פארקויפען אין קאלעדזש סטריט, בעסטער געגענט פאר ביזנעס.

פרעגען 218 מארקהאם סטריט, טעלעפאן טריניטי 2014.

382

אונטער נייער פארוואלטונג

HOTEL ABERDEEN

17 וועסט 32 סטריט
ניו־יארק סיטי
צווישען בראדוויי און 5־טע עוועניו
ניי אויסגעבעסערט

300 רומס און באדס $2.50 א טאג און העכער

2 מינוט פון הארדסאן טיובס, 3 מינוט פון פענסילווייניא סטיישאן, נאהענט צו טעאטערס, באסעס און סטארס.. ספעציעלע וועכענטליכע פרייזען.

STOCKTON & STOCKTON
אייגענטימער.

פייפערהענגינג און פיינטינג

אייער אלטער באקאנטער פייפער הענגער און פיינטער נעמט אן קאנטראקט דזשאבס צו די ביליגסטע פרייזען. די בעסטע ארבייט גאראנטירט. קיין דזשאב צו קליין אדער צו גרויס. עסטימייטס פריי. רומס געפייפערט פאר 5 דאלאר און העכער מיט מיין פייפער.

סעם קאץ, 166 אסינגטאן עוועניו
לאידברוק 2350.

פוירנעס

אלע לענדלארדס פון שטאדט ווייסען אז פיעז פוירניס, זענען פון דער בעסטער קוואליטעט און געדויערען 20 יאהר. אט מיר הענדלען פיעז פוירנייס און אינסטאלירען זיי פאר א פרייז וועלכער וועט אייך סורפרייזען. מיר האבען אויך די איידזשענסי פאר עדזשעקס פוירנייס וועלכע זיינען גאראנטירט פאר 15 יאהר

טעלעפאנירט טריניטי j 4487
אדער קינגסדייל 8284.

קארפענטער

יעדער סארט קארפענטעריי ארבייט אנגענומען. קיין דזשאב צו קליין אדער גרויס צו די מעסיגסטע פרייזען די בעסטע ארבייט גאראנטירט און צופרידענהייט.

הארדוואוד פלארס געלייגט פרענטש טיהרען געמאכט. פייעו רזשאבס געפיקסט, ביליג.

טעלעפאנירט:

א. נעלמאן
989 דאנדעס וועסט.
טריניטי 3934

אקאונטענט־בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענס וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט אדער אודיטען זיי. פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.

א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו.
הילקרעסט W 7504.
2794-8-21

קארפענטער

און דזשענעראל קאנטראקטאר

י. קאץ

נעהמט ארבייט פאר הארדוואוד פלארס, פענסי ארבייט, אלע סארטען ארבייטען און הויז אלטערייצשאנס, אויך אלערליי פעקטארי ארבייט.

79 מיידזשאר סט.
טעלעפאן קינגסדייל 8442. מיר מאכען ארבייט אויף אויסצאהלונגען אויך.

צו פארדענטען

צו פארדענטען א פלעט פון 4 רומס 26 דאלאר א מאנאט. פרעגען 247 מיידזשאר סטריט.
389

צו פארדענטען פארנישד בעד־סיטינג רום, פאסיג פאר צוויי ביזנעס־לייט אדער סטודענטען, פרעגען 768 יוקליד עוו. נעבען בלור און באטהורסט.
טעלעפאן טריניטי W 3509.
381

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, יעצט ליידיג. פרעגען 17 דיוויזשאן סטריט, ספעדיינע און יוראן דיסטריקט.
404

צו פארדענטען א שעהנע פארנישד רום דאונסטעירז, פאסיג פאר א קאפעל, אויך 1 רום אפסטעירז. טעלעפאנירט טריניטי W 3910 אדער 411 מארקהאם סטריט.
.401

צו פארדענטען א פלעט פון דריי אדער 4 רומס ניי דעקארירט. הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס גלייך אריינצומופען. פרעגען 3 ביטרים סטריט.
400

צו פארדענטען א 5 רומיגען דופלעקס, באהייצט. אנטקעגען א פארק. מעסיגע רענט צו ערוואקסענע און שטילע שכנים. פרעגען 39 גארוויל עוועניו.
388

צו פארדענטען אדער פארקויפען די שעהנסטע הויז אין יוראן סטריט. סקווער פלען, אלע קאנוויניענס. הארדוואוד איבעראל. צוויי סינקס. פרעגען 132 יוראן סטריט.
397

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס, סינק אין קיטשען ניי דעקארירט. טעלעפאן צום נוצען מעסיגע רענט. 282 מארקהאם סטריט.
398

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס און סאנרום, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען. סעפערעט באטה און טאילעט. אויך צוויי רומס אויף'ן דריטען פלאר אויב נויטיג, און צוויי גאראדזשעס. ביי א קליינע פאמיליע. פרעגען 467 גרייס סטריט.
395-8-18

צו פארדענטען א האל פאר פארזאמלונגען צו ארגאניזאציעס. אויך פאר אקציעס. פרעגען ביי טעלעפאן טריניטי 7777.
5199-8-22

צו פארדענטען א פארנישד רום מיט אלע קאנוויניענס, ביי א פיינע פאמיליע. פרעגען 67 בראנזוויק עוועניו, טעלעפאן קינגסדייל 7991.
369 7

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס מיט א סאן רום ביי א קליינע פאמיליע, פרעגען 279 גרייס סטריט. טריניטי j 7997.
368-17

צו פארדענטען אן 8 רומיגע הויז אין מיידזשאר סטריט, אלע קאנוויניענס, 45 דאלאר א מאנאט. פרעגען 652 יוקליד עוו. טריניט M 5196.
374

צו פארדענטען א דריי רומיגען באטהרום פלעט, אלע קאנוויניענס. פרעגען 652 יוקליד עוועניו. טריניטי M 5196.
373

„עס דערקלערט זיך מיט דער היץ"

אונזער ליסטע פון קאסטימערס איז באדייטענד פארגרעסערט געווארען אין פארלויף פון די לעצטע היצען. וואס צייגט אז די פרויען הויבען אן אלץ מער און מער אפצושאצען די פראקטישע, קאמאנסענס ווערט פון דער מאדערנער לאנדרי, וועלכע לעזט די פאמיליען־וועש פראבלעם. די מעהרסטע פון די נייע קאסטימער וועלען ווערען שטענדיגע געברויכער פון אונזער סורוויס. אויב זיי וועלען נאכפאלגען די געוועהנליכע פראקטיק. טרייעל אדרערס ווערען געוועהנליך א שטענדיגע זאך. מיר האבען פינף פארשיעדענע סארטען פון "פאמיליען־וועש" סערוויס — אלעס געטאן מיט ווייכע וואסער, אהן שום מארקס, און אהן שום רייבען אדער סטארטשען. די וועש ווערט פאקטיש וועניגער אפגענוצט ווי דורכ'ן היימישען פראצעס, און עס איז באדייטענד ביליגער. טעלעפאנירט און לאזט אונז אויך דערקלעהרען — אדער שטעלט אפ איינעם פון אונזערע הפליכע דרייווערס. פרעגט זיך נאך אויף אונזערע ספעציעלע זומער־קאטערזש סורוויס.

SEMI FINISHED
TORONTO WET WASH LAUNDRY Co. Ltd.
175 אסינגטאן עוועניו

צו פארדענטען

צו פארדענטען א קלאב רום פאסיג פאר אן אסעמבלי אדער קלאב. פרעגען 136 דאנדעס סטריט.
2352-8-17

א דאבעל ווינדא סטאר צו פארדענטען מיט 4 רומס, ניי דעקארירט, אין בעסטען געגענט, 419 ספעדיינא עוועניו. גוט פאר עני ביזנעס. גלייך אריינצומופען. פרעגען האמער עדלייד 8046.
341-8-17

צו פארדענטען אין קאמעדאר בילדינג ארום פופצעהן הונדערט פוס מאנופעקטשורינג ספיים. פרעגען. פרעגען זשורנאל באקס 29.
340-8-17

צו פארדענטען א פארנישד רום אין אן אפארטמענט מיט אלע קאנוויניענס. פרעגען 94 בעווערלי סטריט. טעלעפאן טריניטי j 4240.
339

צו פארדענטען א סטאר מיט צוויי רומס אויף 124 דאנדעס סטריט וועסט. פרעגען טריניטי j 3792.
344-8-17

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס, אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט, הארדוואוד פלארס. טעלעפאן צום נוצען. פרעגען 183 ראבערט סטריט.
363-8-17

צו פארדענטען 2 שעהנע רומס ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס. פאסיג פאר א קאפעל, פרעגען 228 שאה סטריט, טעלעפאן לאידברוק 4568.
360-8-17

צו פארדענטען א פלעט פון דריי שעהנע רומס, הארדוואוד פלארס, סטים היט, טאבס. פראנט גאראדזש אויב נויטיג. פרעגען 201 בראנזוויק, קינגסדייל 6741.
359-8-17

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס, אלע קאנוויניענס, פרעגען אין 33 בעלוויו פליים.
357-8-17

צו פארדענטען א שעהנע גרויסע פארנישד בעדרום אלע קאנוויניענס. פרעגען 375 מענינג עוועניו טעלעפאן טריניטי 8123.
353-8-17

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס הארדוואוד פלארס ניי דעקארירט, סינק אין קיטשען, בעק ווארענדא, ביי א קליינע פאמיליע. טעלעפאן צו נוצען. פרעגען 246 גרייס סטריט.
265-8-17

צו פארדענטען א פלעט פון דריי רומס, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען, טעלעפאן צו נוצען. ניי דעקארירט. מעסיגע רענט. פרעגען קינגסדייל 9518.
366-8-17

צו פארדענטען א פלעט פון 4 אדער 5 רומס הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט אלע קאנוויניענס מעג זיין א גרויסע פאמיליע פרעגען 249 מיידזשאר סטריט. טעלעפאן קינגסדייל 8523.
351-8-17

צו פארדענטען א שעהנע פארנישד פראנט רום דאנסטעירז. אלע קאנוויניענס. טעלעפאן צום נוצען פרעגען אין 515 מארקהאם סטריט.
349-8-17

צו פארדענטען א שעהנע פארנישד רום אין אן אפארטמענט, אלע קאנוויניענס סענטראל. פרעגען 182 פאלמערסטאן עוו. אפארטמענט 2.
350-8-17

צו פארדענטען א סטאר מיט צוויי רומס אויף קארנער דעניסאן און דאנדעס סטריטס וועסט פרעגען טריניטי j 3792
344-8-17

צו פארדענטען א 4 רומיגען פלעט אלע קאנוויניענס, און באהייצונג גלייך אריינצומופען. צוואנציג דאלאר א מאנאט. איבער דער שוהל 265 אגוסטא עוועניו. פרעגען פון 5 ביז 6 אוונט, מר. ליטנער 39 דעניסאן עוועניו.
352-8-17

צו פארדענטען א שעהנע פארנישד רום, אלע קאנוויניענס. מאנספערזאן פארנעצויגען. טעל. טריניטי W 4838.
317-8-19

צו פארדענטען א לײדים רעדי טו וועהר סטאר קאמפליט מיט פיקסטשורס. טעלעפאן עדלייד 0370.
377-8-19

צו פארדענטען צוויי שעהנע רומס, הארדוואוד פלארס. פאסיג פאר א קאפעל. טעלעפאן צום נוצען. פרעגען 234 מאנטראז עוועניו. טריניטי 1382.
376-8-18

צו פארדענטען 3 רומס, הארדוואוד פלארס, בעק ווארענדא, ניי דעקארירט. טעלעפאן סינק אין קיטשען. אלע מאדערנע קאנוויניענס פרעגען 187 גרייס סטריט

***

צו פארדענטען א שעהנע פארנישד רום דאווערקאורט, קאלעדזש דיסטריקט. מעסיגע רענט. מיט אדער אהן באארד. פרעגען 9 היידען פארק ראוד. טעלעפאן לאמבארד 9858.
349

צו פארקויפען

פלאטניקס בארגיינס

טריניטי 6983.

4600 דאלאר. אכט הונדערט איינצאהלען, נייע הויז, סאליד בריק, סקוועהר פלען, 6 רומס און ברעקפעסט רום. הארדוואוד פלארס, פרענטש טיהרען, טיילד סינק, אלע מאדערנע קאנוויניענס.

4,300 דאלאר, מיידזשאר סטריט, אריבער קאלעדזש. זיבען רומס, בריק, הארדוואוד פלארס, סטים היט, גאראדזש.

41 הונדערט, בראנזוויק לעבען הארבארד, 7 רומס, בריק, פול סייז קאנקריט סעלער, נייער פוירניס, ניי דעקארירט, איצט ליידיג.

2500 דאלאר קלינטאן אריבער הארבארד, זיבען רומס, אויף צוויי פלארס, סטימהיט, גרויסער בארגיין.

אויך פיעלע אנדערע פראפערטיס צו פארקויפען אדער אויסצובייטען.

פרעגען פלאטניק, טעלעפאן טריניטי 6983, אדער 127 בארדען סטריט.
39 0

צו פארקויפען א רעסטאראנט אין פעקטארי דיסטריקט, זעהר ביליג. א גוטען לעבען צו מאכען. אורזאכע קאן ניט אטענדען. טעלעפאן עדלייד 6737.
361-8-17

א דיינינג רום סעט צו פארקויפען אין גוטען קאנדישאן. פרעגען 17 מאנטראזעוועניו לאמבארד 3147.
354-8-17

צו פארקויפען א 6 רומיגע הויז אלע קאנוויניענס לאט 25 ביי 125 פול סייז סעלער. סלייט רוף, נייע פלאמבינג. מעסיגער פרייז. פרעגען 117 אקספארד סט.
2365-8-18

צו פארקויפען מאשינען, טישען שעפטינג מאטארס, אייזענס פאר קלאוקס אדער דרעסעס. אויך א לײדים סינגער מאשין, ביליג. פרעגען מ. לאנדסמאן, 414 דאנדעס סטריט, וועסט.
402

צו פארקויפען א גוטע מילינערי סטאר ביליג, מעסיגע רענט. פרעגען אוועטען 796 קווין סטריט איסט.
403

איבערצוגעבען א קלינינג און פרעסינג סטאר מיט 4 רומס. זעהר ביליג. איינגעטרייט פאר זיבעצעהן יאהר. אורזאכע פארלאזט די שטאדט. פרעגען אין 790 באטהורסט סטריט.
312

סטאר קאלעדזש, נארטה סייד, נעבען גרייס, באזונדערען א ריינגאנג, גרויסער בארגיין, מוז פארקויפט ווערען.

בראנזוויק עוועניו, 8 רומס, אלע קאנוויניענס, 42 הונדערט.

גרייס סטריט סקוועהר פלען, 9 רומס הארדוואוד 62 הונדערט.

סעמיועלס טריניטי 3480.
394

דעם שעהנסטען דעליקאטעסען סטאר אין דאנדעס סטריט וועסט קען מען איצט קריגען פאר 6 הונדערט דאלאר. דער גרעסטער בארגיין וואס מען קען נאר קריגען. פרעגען 226 ראבערט סטריט, אדער טעלעפאנירט טריניטי 6308.
385

צו פארקויפען א לײדים רעדי טו וועהר און מילינערי סטאר און פיקסטשורס אורזאכע קראנקהייט. מוז גלייך פארלאזען די שטאדט. פרעגען 3009 דאנדעס סטריט, וועסט.
383

5950 דאלאר. בארגיין, סאליד בריק 9 רומס, זומער קיטשען, הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט, סינק אפסטעירז. גאראדזש. גלייך אריינצומופען. 445 ספעדיינא עוועניו. טריניטי 2468.
378

צו פארקויפען 6 הונדערט נומער 1 טעאטער טשערס, פאסיג פאר האלס אדער שוהלען. מוז פארקויפט ווערען, זעהר ביליג. פרעגען 9 בילווער סטריט נעבען ספעדיינע. וויווערלי 1501.
387-8-18

צו פארקויפען אלע סארט אייז־קרים פארלאר פיקסטשורס פרעגען 614 דאנדעס סטריט וועסט.
391

צו פארקויפען א הויז פון 6 רומס פול סייז סעלער בעק ליין קארנער מיידזשאר און קאלעדזש, אדער וועט אויסבייטען פאר א סטאר. קינגסדייל 8123.
.365

גרויסער בארגיין. סאליד בריק הויז, אלע קאנוויניענס. אויך פארניטשור. 185 מיידזשאר סטריט.
372

צוויי טויזענט דאלאר פראפאזישאן. 800 דאלאר דעליקאטעסען סטאר און אייז־קרים פארלאר צו פארקויפען אין 385 ספעדיינא עוועניו. אורזאכע פארלאזט די שטאדט.
342-8-18

גרויסער בארגיין צום שנעלען קויפער אפ טו דייט נייע דעקארירטע הויז. מוז שנעל פארקויפט ווערען. אייגענטימער פארלאזט טאראנטא. סקווער פלען, סטים היט הארדוואוד, דאבעל גאראדזש. פרעגען 61 סאסעקס עוועניו.
409

פארלאנגט

פארלאנגט א פארמאן פאסיג אכטונג צו געבען אויף פערציג מאשינען פון א מאנופעקטשורינג פלענט. מאכענדיג פאפולערע פרייזען דרעסעס. בלויז ערשט קלאסיגע זאלען זיך מעלדען שריפטליך, זשורנאל באקס 28.
2358-8-17

גוטע אלטערייישאנס ארבייט. קארפענטער ארבייט, הויז ריפּיירינג, עסטימייטס פריי. פרעגט פאר

W. Elliot
Hillcrest 6813-w
812-8-18

פארלאנגט עקספיריענסד פינישערס צו דרעסעס, פרעגען אמעריקאן דרעס קא. 333 עדלייד סטריט, וועסט.
2363

אן אוקראינישע מיידעל זוכט יעדער סארט הויז ארבייט. וועט ארבייטען פאר צוויי דאלאר א טאג. פרעגען 74 עלם סטריט. טעלעפאן עלגין 1669.
335-8-17

איך נעהם קינדער אכטונג צו געבען ביי מיר אין הויז. גוטען אטענשאן. גוטע רעפערענס. טעלעפאנירט טריניטי 8533.
274

פארלאנגט צו רענטען צוויי שעהנע רומס צווישען מארקאם און ביטרים סט. יונגע קאפעל, טעלעפאנירט טריניטי J 3369.
358-8-17

פארלאנגט א פארטנער צו א גוטע קלינינג און פרעסינג ביזנעס אין בעסטען געגענד. מוז זיין א שניידער און קענען דרייוון א קאר. פרעגען זשורנאל באקס 31.
355-8-17

פארלאנגט יעדער סארט ארבייט. וואשען, ווינדאס קלינינג, וועקסינג פלארס גארדענינג, שניידען גראז, וואשען און סימאנייזינג קארס. אנגענומען פון אלע טיילען שטאדט. קומט גלייך איין שטונדע נאכדעם ווי מען מעלדעט. רעפערענסעס. טעלעפאנירט סאמנער און באטקע טריניטי W 6113.
347-8-18

פארלאנגט א פארטנער מיט צוויי טויזענט דאלאר קעש צו א גוטע בעקערי ביזנעס. שרייבט זשורנאל באקס 30.
2366-8-17

פארלאנגט א שוחט פאר קוירקלאנד לייק. זיך ווענדען פערזענליך פון 9 ביז 10 פריה אין רובינס רעסטאראנט. פרעגען ס. פינקעלמאן.
348-8-19

פארלאנגט ארבייט.

א דייטשע נוירס וואס געהט אהיים געבען מאסאדזש טריטמענט. $1.50 א שטונדע. טעלעפאנירט טריניטי j 2240.
336-8-15

א גוטער בעל תפלה פאר מוספים, בעל קורא און בעל תוקע, פארלאנגט א שטעלע צו דאווענען ימים נוראים אין שטאדט אדער אין קאנטרי, צופרידענהייט פאראזיכערט. פרעגען פאר מר. שארה, 203 ביטרים סטריט.

טעלעפאן טריניטי j 7928.
407

א דייטשער מאן מיט א פרוי און צוויי קינדער, פארלאנגט ארבייט אויף א פאלטרי פארם. האט זעהר פיעל עקספיריענס. פרעגען 126 ראבערט סטריט.
379-8-18

א דייטשע מיידעל פארלאנגט הויז ארבייט. קען שלאפען אין דערהיים. פרעגען 21 הענרי סטריט.
386

העיר־קאטינג ביי עקספערט. פרויען 25 סענט, קינדער 15 סענט. פרעגען 768 יוקליד עוועניו. טריניטי W 3509.
380

א מאן פאהרט צו גריווענהארסט ביי קאר זונטאג פארלאנגט פאסענדזשערס $1.50 א מאן. פרעגען 205 אגוסטא עוו.
396

פארלאנגט א טראק דרייווער זאל זיין פעהיג צו קענוועסינג. מוז האבען רעפערענס און סעקיוריטיס. פרעגען דיימאנד בעקערי 656 קאלעדזש סטריט.
2369

פארלאנגט א פארטנער פאר א דריי גודס און טיילארינג ביזנעס אין א קאונטרי סטאר. קליינער קאפיטאל נויטיג. גאראנטירט א לעבען צו מאכען. פרעגען 790 באטהורסט סטריט.
.393

פארלאנגט עקספיריענסד דרייפער אויף דרעסעס. פרעגען וויווערלי דרעס קאמפאניע. באלפאר בילדינג 10־טער פלאר.
3868-8-18

פארלאנגט א מעסענדזשער באי מיט א בייסיקעל. פרעגען יוניטי פאר קאמפאניע 124 דאנדעס סטריט וועסט.
2370

פארלאנגט הינטלאך. מיר צאהלען גרויסע פרייזען פאר יעדער סארט הינטלאך.

טעלעפאנירט קינגסדייל 7104.
408-8-19

צרות פון קינדער

א שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אין פוילען

פון מ. ווארשאווער

(פארזעצונג)

— די מאמע מוז עס זיכער פילהלען אין קבר, אז נישט וואלט מיר אזוי גוט נישט געווען — איז אנקע פון מינוט צו מינוט געווארען באגייסטערטער.

— אבער ווער איז ער? האסט מיר נאך נישט געזאגט, וואס פאר א מענש דאס איז?

— ער איז א יונגער, א שטארקער, מיט אזא וואונדערבאר גרויסען קאפ.

מאריא הערט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם, אלע אברים אין איהר זענען אנגעצונדען, זיי גליהען.

נאר עפעס א מאדנע זאך קומט איצט פאר מיט דער דאזיגער פרוי. זי הערט, ווי עס רעדט איהר שוועסטער, אבער דאכטען, דאכט זיך איהר, אז דאס רעדט זי אליין.

אין איהר מוח לעבט אויך אזא מין מענש. אויך זי טראכט פון איינעם, וואס איז א שטארקער און האט א וואונדערבאר גרויסען קאפ.

א מאדנע זאך: איהר שוועסטער, אט די אנקע — האט זיך פארליעבט אויך אין אזעלכען.

— אזוי ווי אפאלא.

— ווי אזוי זעהט ער אויס?

— אן אליוו פנים. גרויסע שווארצע אויגען, בלויע ווייסלעכטער... אז ער רעדט, דאכט זיך, אז ער זינגט.

— הער נאר, הער נאר — ווערט פרוי מאריא וואס אמאל צו'הויש'טער און מטושטש'ער. אויך זי טראכט אזוי. אויך יענער דארט זעהט אזוי אויס און רעדט אזוי... ביזט א מבין... איהר שוועסטער...

— איז ער א גוטער מענש? — פרעגט אויפסניי מאריא.

— זעהר א גוטער. א גאלדענער בחור... א טייער הארץ...

מאריא'ן ווערט לייכט אויפ'ן הארץ. זי האט געוואלט וויסען, צי אנקע'ס באקאנטער איז א גוטער מענש, ווייל יענער דארט, ס'הייסט איהר באקאנטער, איז נישט קיין גוטער מענש. א פראסטער איז ער, א גראבער יונג, מיט א נידערטרעכטיגען כאראקטער. כאטש א נס, וואס אנקע'ס באקאנטער איז אזא גוטער. אויסערליך דערמאנט ער איננאנצען יאקוב'ן. אבער אינערליך זעהט ער אויס צו זיין אן אנדערער.

— פון וואנען איז ער?

— פון ווארשא.

— קענסט זיך שוין לאנג מיט איהם?

— עטליכע חדשים.

— איז ער רייך, ארים?

— רייך, זעהר רייך.

— וואס טוט ער?

— ער האט א געשעפט, א מין באנקגעשעפט.

— וואס הייסט א מין באנק־געשעפט? — ווערט פלוצלונג מאריא'ס קול געפרעסט און זי רוקט זיך צו נעהענטער צו איהר שוועסטער.

זי ווייסט אליין נישט, וואס דאס איז, נאר אין די שלייפען נעהמט האקען, ווי מיט האמערס.

— ער האנדעלט מיט וואליוטע, — ענטפערט אנקע און פיהלט, ווי איהר שוועסטער רוקט זיך איננאנצען ארויף אויף איהר.

— מאריא, איז דיר קאלט? — פרעגט זי מיט א דערשראקען קול.

— ניין, ניין — ענטפערט מאריא גיך, אזוי ווי אן אטעם, און מען הערט, ווי די ציינער אין מויל וואלטען זיך געווארפען.

— טא וואס־זשע דען ציטערסטו אזוי? הא, מאריא?

— גארנישט, גארנישט. ס'איז דא קיהל, עפעס קיהל געווארען.

זי רעדט גיך, אפגעהאקט. אנקע'ן באגיסט א שוויים. וואס איז פלוצלונג געשעהן מיט איהר שוועסטער?

— מאריא! קום אהיים, וועסט דיך פארקיהלען! — שרייט שוין אנקע אויס און שטעלט זיך ראפטאם אויף.

— יא, יא, אהיים — שטאמעלט מאריא און שטעלט זיך קוים אויף און נעהמט ארום דעם ארעם פון איהר שוועסטער, און שלעפט זיך נאך, ווי א שכור'ע, אדער ווי א קראנקע, וואס קאן נישט שטעלען קיין טריט.

אנקע איילט אהיים. זי האט מורא, אז איהר שוועסטער איז זעהר קראנק געווארען.

— וואס איז דיר, שוועסטער? — בעט זי זיך און בויגט זיך אלע פאר מינוט אראפ צו איהר.

— גארנישט. קום אהיים. ניכער, ניכער...

אין מיטען וועג בלייבען זיי שטעהן. מאריא זעהט אויס, אזוי ווי זי וואלט ניט געקאנט כאפען דעם אטעם.

— שטעה נאר — שרייט זי אויס — שטעה נאר, אנקע.

ביידע שטעהן. מאריא, וואס איז אביסעל נידעריגער פון אנקע'ן, ציהט זיך ארויף און מיט ווייכע, ציטערדיגע הענט נעהמט זי גלעטען יענער'ס פנים...

— זעהסטו, — רעדט זי שוואך און צובראכען — זעהסטו, איך האב גאר פארגעסען...

זי בלייבט שטעהן אין מיטען. מען זעהט, אז עס קרענקט זי עפעס. אז זי וויל עפעס זאגען, נאר זי האט מורא.

— וואס איז דיר, דאריא, טייערע מיינע! — קאן שוין אנקע מעהר נישט אויסהאלטען — וואס איז עפעס פלוצלונג געווארען מיט דיר?

— זעהסטו, זעהסטו, — רעדט יענע היים, — איך האב דאך גאר פארגעסען, האסט דאך מיר גארנישט געזאגט, ווי אזוי הייסט ער?

— לאז אפ אצינד, ביזט קראנק, קום שוין אהיים, גיך.

— איך בין קראנק? — גיט זיך מאריא א גלייך אויס און עס בלייבט שטעהן א גלייכע פרוי, א פארריסענע, נאר מיט א פארהאקט, שווייגענדיג פנים.

אנקע ווערט איבערראשט. עפעס א נייע שוועסטער איז מיט איין מאל שטעהן געבליבען. נישט איהרע, מאריא. אן אנדערע גאר. א יונגע, שעהנע פרוי. ניט מעהר, וואס דאס פנים איז ביי איהר בייז.

— ווי הייסט ער? — פרעגט מאריא חוצפה'דיג.

— שווארץ!...

— כא, כא, כא! — צושיט זיך פלוצלונג א ווילד געלעכטער, און די שטאלצע, שעהנע מאריא נעהמט לויפען גיך, גיך, גיך.

אנקע נעהמט נאכלויפען, שרייט, רופט... אבער ביז מען קומט צו דער ווילע, קאן זי יענער נישט דעריאגען.

ערשט דא, ביי דער ווילע, בלייבט יענע שטעהן. זי שפארט אן דעם קאפ ביי א וואנט. זי איז שרעקליך מיעד. זי איז איננאנצען צובראכען. ווייטער קאן זי קיין איין טראט ניט שטעלען.

עס קומט צולויפען אנקע. פארסאפעט, פארוויינט. זי האט דאס געפיהל, אז איהר שוועסטער איז פלוצלונג פון זינען אראפ.

- זי פאלט צו צו איהר.

— מאריא, דערבארים דיך!

(ווערט פארגעזעצט)

נייעס ביי אונז אין שטאדט

ביי דער ארבייטסלאזער קאנפערענץ

גרויסע פלענער זענען אנגעצייכענט געווארען ביי דער ארבייטסלאזער־קאנפערענץ וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג אין קאונסיל צימער פון סיטי האל, אנצוהויבען א רעגעלמעסיגע בוי־טעטיגקייט אין שטאדט, און אויב דאס זאל פארווירקליכט ווערען, וועלען אביסעל ארבייטער וויינינגסטענס באקומען ארבייט אין די קומענדע חדשים.

אנהויבען צו בויען די נייע פאליס־געביידע, ווי באשטימט פון סיטי קאונסיל אויפ'ן הארבאר, גלייך זיך נעמען צו פארפארטיגען די באטהורסט סטריט בריק, וועלכע פירט פון באטהורסט קיין סאניסייד. פארענטען און איבערארבייטען א רייע שטאדטישע געביידעס, אנהויבען בויען סאבוויים איבער די באנליניעס, וועלכע קרייצען ארום די שטאדט אין פארשידענע געגענדען, צורעכט מאכען צענדליגער גאסען, וועלכע זענען באמת חרוב און עס איז אונמעגליך זיי דורכצופארען. דאס וועט טיילוויז לינדערען די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט פראבלעם פון שטאדט.

דאס זענען בלויז א טייל פון די פלענער, וועלכע דער מעיאר האט פארגעשלאגען צו די פארזאמעלטע, און אויף וועלכע די אנוועזענדע האבען צוגעשטימט, אז אזעלכע ארבייטען זענען איצט נויטיג און זיי וואלטען גראטעוועט הונדערטער פאמיליעס פון ליידען הונגער.

צו דער פארזאמלונג זענען געקומען הונדערטער ארבייטסלאזע, וועלכע האבען איבערפילט דעם קאונסיל צימער. די גאלערעי איז געוועזען איבערגעפאקט, און די טירען האבען געמוזט צוגעמאכט ווערען, מער ניט אריינצולאזען.

ביי דער קאנפערענץ האט אויך ניט געפעלט קיין קריטיק, פארוואס מען האט א גאנצען זומער גאר ניט געטאן. מען האט געלאזען אזוי פיעל פאמיליעס הונגערען, און ווען עס האט דערגרייכט צו דער גרעסטער שטופע פון נויט, זוכט מען ערשט פלענער ווי אזוי עטוואס צו טאן.

די פארזאמלונג איז געפירט געווארען פון דזשיי. גיבענס, געוועזענער קאנטראלער און איצט קאמישאנער פון דער הידרא.

עס זענען אנוועזענד געוועזען אויסער שטאדט־פארטרעטער, אויך דער סעקרעטאר פון טרייד יוניאן בילדינג קאמיטעט, דער סופעראינטענדענט פון דער קענעדיען רעגירונגס עמפלאמענט אפיס אין שטאדט, א פארטרעטער פון ניישאנאל לייבאר קאונסיל, א פארטרעטערין פון דער לייבאר פארטי, א פארטרעטער פון דער הידרא קאמישאן, א פארשטעהער פון דער טיפאגראפיקעל יוניאן, און א פארשטעהער פון די אורלסקאט לייבאר קאנפערענץ.

די ארבייטער פארשטעהער האבען געהאלטען געלונגענע רעדעס, אנציינענדיג אויף דער גרויסער מאסע ארבייטסלאזע, און אויפגעפאדערט, אז געוויסע ארבייטען זאלען גלייך אונטערנומען ווערען.

קאמישאנער גיבענס האט אפעלירט צו די טרייד יוניאן פארשטעהער, אז זיי זאלען אנהויבען א באוועגונג פון קאנאדער סחורה, געמאכט אין קאנאדע, פאר קאנאדער, דערמיט וועט מען פארזיכערען מער ארבייט אין די פאבריקען.

מען האט אויך פארגעשלאגען צו רופען א פראווינציעלע קאנפערענץ, מיט פארשטעהער פון גאנץ אנטאריא, אום צו געבען ארבייט די ארבייטסלאזע אויסער'ן שטאדט.

צו דער זעלבער צייט איז געמאכט געווארען אן ערקלערונג פון פארשטעהער פון דער פראווינציעלער רעגירונג (קווינס פארק), אז די שלעכטע צייטען זענען שוין פאראיבער, און אז גלייך נאך דער נאציאנאלער אויסשטעלונג וועלען זיך אנהויבען בעסערע צייטען אין שטאדט.

די ערקלערונג לויטעט, אז פיעלע פאבריקאנטען, וועלכע האבען געהאט ניט־פארקויפטע סחורות, האבען זיי שוין פארקויפט, און איצט נויטיגען זיי זיך אין נייע פראדוקציעס.

עס איז אויך ערקלערט געווארען, אז א סך ארבייטס־געבער האבען ניט געוואלט אונטערנעמען קיין נייע ארבייטען ביז נאך די וואלען, און מיט דעם אויסגאנג פון די וואלען, זעהען זיך נייע האריזאנטען פאר א גרויסע ארבייטס־טעטיגקייט אין קאנאדע.

די קאנפערענץ האט געדויערט א גאנצען טאג, און די ארבייטסלאזע האבען דערווייל צוגעזעהן ווי זייערע פארטרעטער האבען שווער געארבייט איבער אן ארבייטסלאזען פראגראם.

קושט דעם מאן און באגעהט זעלבסטמארד

— זיי געזונט, דושים, איך האב דיך הארציג ליעב. — מיט די ווערטער האט א יונגע פרוי, אננא מיטשעל, בלויז 23 יאר אלט, זיך געזעגנט מיט איר מאן, אים א קוש געטאן אין פנים, און געפאלען טויט לעבען אים.

דאס יונגע פארעל, וועלכע האבען געוואוינט אין 59 ריווער סטריט, האבען זיך זעהר ליעב געהאט, ווי דער מאן ערקלערט, און ער האט ניט קיין באגריף, פארוואס זי האט עס געטאן.

דער פארצווייפעלטער מאן האט גלייך גערופען פאליציי, וועלכע האבען דעם טויטען קערפער צוגענומען אין סט. מייקעלס האספיטאל. אין צימער פון דער זעלבסטמערדערין האבען זיי געפונען א פלעשעלע פון סם, וואס זי האט אויסגעטרונקען איידער זי האט געקושט דעם מאן.

איר מאן האט מיט א צייט צוריק געארבייט אין פארד פלענט, און איז לעצטענס געווען ארבייטסלאז. אויך איר אכצען יעריגער ברודער, וועלכער האט געוואוינט מיט איר, איז געוועזען ארבייטסלאז.

אן אונטערזוכונג ווערט געמאכט וועגען די אורזאכען וואס האבען זי געטריבען צו זעלבסטמארד.

דריי באוואפנטע באנדיטען בארויבען א גראסערימאן

עד. י. וואוד, פון 103 אשדייל עוו. האט געהאלטען ביים צושליסען זיין גראסערי, ווען צוויי מענער זענען צו אים צוגעקומען און געבעטען, אז ער זאל זיי פארקויפען א פונט פוטער.

ווען ער האט זיך ארונטערגעבויגען צום אייז באקס, איז פאר אים אויסגעוואקסען א דריטער מאן מיט א רעוואלווער און פארלאנגט דעם טאג פדיון.

ער האט זיך דערשראקען, אויפגעהויבען די הענט, און איינער פון זיי האט אויסגעליידיגט דעם רעדזשיסטער, אין וועלכען עס איז געוועזען די סומע פון פופציג דאלאר.

נאך זייער אוועקגעהן האט דער בארויבטער גערופען פאליציי, וועלכע האבען א גאנצע נאכט געזוכט די רויבער, אבער אהן ערפאלג.

האט געהאט א רייכען פערמיט

אונערווארטעט האט די פאליציי געמאכט אן איבערפאל אויף א הויז אין סימקא סטריט, אין וועלכען עס וואוינט פרעד ראבינסאן (א שווארץ־הויטיגער), און דארט געטראפען א גאנצען מנין מיט לאנדסלייט, וועלכע האבען געטרונקען לחיים.

עס איז זעהר מעגליך, אז דאס ווענען חברה זיך צוזאמענגעקומען ארומצורעדען די חזנים־פראגע, ארער באטראכטען א פלאן פאר „פלען־טאוגינג". דערווייל אבער זענען אויפ'ן טיש געשטאנען גענוג לידיגע פלעשער, און פעטע גלעזער, אלס א באווייז, אז חברה האבען עפעס גענומען אין מויל אריין.

אויפ'ן פערמיט האט מר. פרעד פלוג געקויפט 41 גאלאן וויין, פיער הונדערט פלעשלאך ביער, און 89 פלעשלאך משקה.

די פאליציי באטראכט דעם פערמיט אלס אטייערען באווייז געגען דעם אייגענטימער, אז דארט האט מען געטרונקען ביים גלעזעל.

דער אייגענטימער איז ארעסטירט.

דריי יאר און פינף שמיץ

ראבערד דזש. ראשטאון, וועלכער איז געפונען געווארען שולדיג אין פארפירען א יונגע מיידעל, האט באקומען דריי יאר טורמע, און פינף שמיץ מיט דעם לעדערנעם רימען, וועלכער הענגט אין חדר־גדיא.

די פינף שמיץ זאל ער באקומען נאך די ערשטע זעקס חדשים.

פרוי ארעסטירט, ווייל זי האט פאראורזאכט א דרייפאכען צוזאמענשטויס

מרס. נעלי שאוטערלאנד איז ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע, אז מיט איר נאכלעסיגען טרייבען דעם אויטאמאביל, האט זי פאראורזאכט א דרייפאכען צוזאמענשטויס מיט אנדערע אויטאמאבילען, און דערביי פארוואונדעט אן אכצען יעריגע מיידעל.

דער פארהער וועט פארקומען קומענדע וואך.

ווינסענט מעסי וועט רעזיגנירען

האנ. ווינסענט מעסי, דער קענעדער האי־קאמישאנער אין לאנדאן, וועלכער געפינט זיך איצט אין אטאווא, האט געהאט א געשפרעך מיט'ן פרעמיער, און לויט ווי עס ווערט פארזיכערט פון פארלעסליכע קוועלען, וועט האנ. מעסי אריינגעבען קורצליך זיין רעזיגנאציע אלס האי־קאמישאנער.

אזהרה — והתראה

מיר דער „ועד הכשרות" אין לאנדאן אנט. זענען מודיע צו אלע שו"בים פון יונייטעד סטייטס און קאנאדע אז אין לאנדאן האט צוויי יאהר כסדר עקזיסטירט שחיטת שני שו"בים לויט א פסק און ;עפאסטע תקנות פון א בית־דין רבנים אין טאראנטא מיט דער הסכמה פון טאראנטאר „ועד הרבנים". צום באדויערען, זענען לעצטעס די תקנות הרבנים פון שוחט טורעק פארלעצט געווארען. אזוי ווי אין לאנדאן זוכט מען איצט א שו"ב אויף דעם שוחט טורעקס פלאץ, איז אונזער חוב מודיע צו זיין בפומביא און מזהיר זיין דעם יעניגען שו"ב וועלכער וועט פארטרעטען די שטעלע אין לאנדאן ער זאל ניט וואגען צו זיין א מהרסיך ומחריביך אין אונזער שטאדט. דער טאראנטאר ועד הרבנים און אונזער ועד הכשרות וועלען בודאי ניט בלייבען בחבוק ידים און לאזען צוברעכען א דין כמבואר בבית יהודא ובח"בש, ער וועט געוויס זיין פון די צועקים ולא נענים, וכל השומע תבא עליו ברכה.

בברכת תורה,

ועד הכשרות קאמיטעט,
אין לאנדאן אנט. קאנאדע.

אזהרה

מיר דער ועד הכשרות אין לאנדאן, אנט. זענען מזהיר, אז קיין שו"ב פון אנטעריא אדער ערגעץ אנדערש זאל ניט קומען קיין לאנדאן שעכטען הן עופות, הן בסות. לאנדאן האט א שו"ב, זאל קיין שו"ב זיך ניט לאזען בעאיינפלוסען צו קומען אפילו ציטווייליג לעבען ביי אונז אין שטאדט, חוץ וואס עס וועט זיין אמת'ע הסגת־גבול וועלען מיר דעם נאמען פון שו"ב פובליקירען אין דער עפענטליכקייט אלס מחרחרי ריב.

ועד הכשרות קאמיטעט,
אין לאנדאן אנט. קאנאדע.

זייט געטרייסט

מיר דריקען אויס אונזער מיטגעפהל צו דער פאמיליע אסטין און נעהמען אנטייל אין זייער טיעפען צער צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער ליעבען טייערען זוהן און ברודער

יצחק יעקב אסטין ע"ה

גאט זאל אייך טרייסטען, און שיצען אויף ווייטער אייער פאמיליע פון צער און אומגליק.

מר. און מרס. י. זינגער
און פאמיליע.
297 מארקעט סטריט.

Herman's
1/4 Million Dollar
Factory Sale
of
FUR COATS

פיעלע א האלבען פרייז - מאנכע ווייניגער
קוקט זיך ארום איידער איר קויפט אייער פאר קאוט

רעכטס און לינקס האט איר פאר סיילס, פאר סיילס איבעראל ארום אייך, און אלע קליימען צו זיין „די גרעסטע מציאות"! ווי אזוי קענט איר וויסען וואו צו קויפען? דער זיכערסטער וועג איז זיך ארומצוקוקען, צו פארגלייכען די פרייזען, — און דאן קומען אין אונזערע שאורומס, און אויב מיר קענען אייך ניט איבערצייגען, אז הערמאנ'ס פעקטארי פרייזען זענען די ביליגסטע אין שטאדט, וועלען מיר גערן צוגעבען, אז מיר פארשטייען זיך ניט אויף דער ווערט פון פארס.

דער לאגישער פלאץ צו קויפען פארס איז פארשטייט זיך אין דער פעקטארי, וואו עס איז פאראן נאר איין אויסגאבע, און דאס איז אויך א גאנץ ביליגע, צוליעב דעם נעגענט וואו מיר געפינען זיך. הערמאן פארס זענען אבסאלוט גאראנטירט, ווייל מיר מאכען זיי אליין. די סקינס ווערען פערזענליך אויסגעקליבען דורך מר. הערמאן, און די קאוטס זענען דעזיינט און געמאכט אין אונזער אייגענער פעקטארי, וואו מיר קענען אכטונג געבען אויף דער גאנצער ארבייט. דאס איז די אורזאכע ווארום מיר קענען גאראנטירען דעם קלענסטען דעטאל פון די הערמאן פארס.

באזוכט מארגען די הערמאן פעקטארי שאורומס, איר וועט איבערראשט ווערען פון נייע שענע קאוטס, און די ביליגע פרייזען.

א ספעשעל דעפארטמענט פאר קאוטס געמאכט צו'דער מאס. מיר גאראנטירען צו פיטען יעדע פיגור, און געבען יענעם שלאנקען עפעקט, וואס פרויען האבען אזוי ליעב אין קאוטס.

אלטערעישאנס און ריסטיילען צו ספעציעלע זומער־פרייזען. קאוטס ריליינט פון $15 און העכער.

מיר האלטען אפען אין די אווענטען ביז 8־30

HERMAN FURS

פרייע
סטארעדזש
ביז דער צייט
ווען איר
פארלאנגט עס

ע. הערמאן און קאמפאניע למט.
מענופעקטשורינג פאריערס
בעי סט. און זשיראר. עדלייד 4243
אויך א סטאר אויף 403 אולעט עוו. ווינדזאר, אנט.

א קליינער
דעפאזיט
רעזערווירט
פאר אייך
יעדען קאוט.

When in Need

האט אין זינען אז מיר האבען שטענדיג גענוג קעש — איהר קאנט לייען וועלכע סומע איהר ווילט אויף קורצען נאטים און אויף זעהר גינסטיגע טערמס צו אויסצאהלען.

דאנדעס און ספעדיינע בראנטש
514 דאנדעס סט. וועסט.
CENTRAL FINANCE CORPORATION
BRANCH OFFICE
514 Dundas St. West cor. Spadina, Trinity 4862
C. I. BENJAMIN, Manager

ביזנעס טעלעפאנען:
דאנטאון, עדלייד 2544
אפטאון, טריניטי 1652

בראון און סמיט
לאיערס
394 בעי סטריט
514 דאנדעס ס.ו. וועסט, קאר. ספאדיינא עוועניו

אונזער נייער אפטאון אפיס אויף 514 דאנדעס סטריט וועסט, קארנער ספאדיינא עוועניו, איז איצט אפען. דיזער אפיס וועט זיין אפען אין די אווענטס.

געלט געליען אויף מארטגיידזשעס אויף 6 פראצענט.

רעזידענט טעלעפאנען:
א. ת. בראון, הילקרעסט 6146 F
ס. א. סמיט, עדלייד 7674.

אן אפיל צו דער אידישער באפעלקערונג!

די אידישע בעקער ארבייטער אפעלירען צו אלעמען צו נוצען ברויט נאר מיט דעם

יוניאן לייבעל

קויפט ברויט נאר מיט'ן יוניאן לייבעל. און מיט דעם וועט איהר העלפען פופציג אידישע פאמיליעס צו מאכען אן ערליך און אנשטענדיג לעבען.

אין רעסטאראן, אין דעליקאטעסען סטאר, אדער ביי אייך אין דער היים — איבעראל זעהט צו האבען ברויט נאר מיט'ן יוניאן לייבעל.

באשיצט די אידישע בעקער יוניאן, וועלכע טיילט זיך מיט דער ארבייט מיט אלע ארבייטסלאזע בעקער־ארבייטער פון דער יוניאן.

די אידישע בעקער יוניאן
לאקאל 181, טאראנטא

וואל... סטריט

(א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם אידיש־אמעריקאנעם לעבען היינט צו טאג, געבויט אויף די לעצטע פאסירונגען אין וואל סטריט.

— פון —

מארק סארדעל

(פארזעצונג)

און זי איז גרייט געווען צו פיהלען אויף זיך גאט'ס שטראף מיט דער פולער ביטערקייט. ניין, זי וועט צו קיינעם ניט געהן. זי וועט ביי קיינעם קיין הילף ניט בעטען.

זי האט געטראכט וועגען דעם גרויען פריהמארגען, וועגען דער קעלט אין איהר צימער, וועגען דעם כעס פון דעם בייזען לענדלארד, און, צו לעצט, וועגען דער גוטסקייט פון יענער בלאנדער פרוי, וועמעס נאמען זי האט אפילו ניט געפרעגט. פארוואס איז יענע געווען אזוי גוט צו איהר? זי איז דאך אן עלענדע, א נעפאלענע, א פרוי וואס פארקויפט איהר לייב. פארוואס־זשע האט זי פונדעסטוועגען אזא גוטע נשמה? פארוואס האט זי איהר אזוי פיעל גוטסקייט ארויסגעוויזען און אפילו שוועסטער גערופען?... הייסט עס, אז מען קען זיין געפאלען און דאך האבען א ריינע, שעהנע נשמה...

און פארוואס איז זי, לארא, געווען אזוי גרויס ביי זיך און האט יענער'ס הילף ניט געוואלט אננעהמען? פארוואס באטראכט זי זיך אלס ריינער ווי יענע? האט זי, לארא, דען ניט געזינדיגט? האט זי זיך דען ניט איבערגעגעבען צו א ווילדער בעסטיע, צו א מיאוס'ן שכור? האט זי דען קארג געליטען ביז זי איז פטור געווארען פון יענער מיאוס'ער פרוכט וואס האט זיך, דאמאלסט אנגעהויבען אנטוויקלען אין איהר קערפער? מיט וואס גרויסט זי זיך אזוי פיעל קעגען יענער, דער בלאנדער?

לארא האט געפיהלט, אז צווישען איהרם און יענער איז פאראן א גרויסער, זעהר א גרויסער אונטערשיד, און וויפיעל זי זאל זיך ניט וועלען איינריידען, אז זי בלאנדע, וועט אלץ זיין א גרויסער תהום איז פונקט אזוי געפאלען ווי יענע. די צווישען זיי ביידען. יא, די בלאנדע איז טאקע געווען גוט צו איהר. אבער זי וויל איהר גוטסקייט ניט אננעמען. זי האט צוריקגעוויזען סעמועל'ס טשעק אויף פינף טויזענט דאלאר. זי איז אנטלאפען פון איהר מוטער כדי ניט צו פאלען קיין לאסט אויף איהר. פארוואס זאל זי אננעמען הילף פון א ווילד־פרעמדער פרוי, דערצו נאך פון אזא מענש ווי די בלאנדע איז?...

אבער וואו זאל זי געהן? דער גרויער ווינטער טאג האט שוין געהאלטען ביים סוף. ס'איז געווען נאך דריי דעם זייגער, אבער דער גרויער הימעל און דער עלעווייטער איבער'ן קאפ האט געמאכט, אז די נאכט זאל דארט צופאלען א סך פריהער ווי אין אנדערע גאסען. ווידער האט דער הונגער זי אנגעהויבען צו מוטשען. די געשמאקע שפייזען, וואס זענען געווען אויסגעשטעלט אין די פענסטער, האבען געריצט איהר אפעטיט. ווידער איז דאס וואסער איהר געקומען אין מויל. ווידער האט זי דערפיהלט ווי די שלייפען הויבען אן שטארק צו קלאפען און ווי די אויגען הויבען אן צו פארציהען זיך מיט א לייכטען נעבעל. זי וועט אוועקפאלען אין מיטען גאס... קיינער וועט זיך אויף איהר ניט אומקוקען. מען וועט מיינען, א שכור'ע, אן עלענדע, א גאסען פרוי...

פע... ווי מיאוס דאס לעבען איז...

וואו זאל זי געהן ביינאכט? דער בייזער איטאליענער וועט זי מעהר אין איהר צימער ניט אריינלאזען. אפשר האט ער עס שוין צו א צווייטער פארדונגען... די בלאנדע איז געווען אזוי גוט צו איהר... א געלעגער, האט זי געזאגט, וועט זי האבען גרייט פאר איהר... אבער ווי קען זי געהן צו איהר... ניין, ניין.... בעסער אויף דער גאס נעכטיגען.

א גרילצענדיגער געשריי פון א האלב הייזעריגער שטימע האט זי אויפגעוועקט פון איהרע שווערע געדאנקען. זי איז געשטאנען אין פראנט פון א ביליגער "דאים־שאו" און א מאן אין א גרינעם דזשעקעט, מיט א גרויסער טרובע ביים מויל, האט געהאלטען אין איין שרייען:

— טען סענטס! טען סענטס! גרייטעסט וואונדער אף די ווארלד!...

לארא איז געבליבען שטעהן און האט געקוקט אויף די גרויסע ווילדע פלאקאטען וואס זענען געווען אויסגעקלעפט איבער דעם אריינגאנג צו דער "דאים שאו". א ברייטע פרוי מיט גראבע פיס, ווי קלעצלאך, האט פארנומען א האלב פון דעם פלאקאט, און אונטען איז געווען אונטערגעשריבען: "לידי פעטסי, וועגט זיבען הונדערט מיט דרייצעהן פונט". לעבען איהר איז געווען דאס בילד פון א דינעם מאן, דין ווי א טוטפיק און הויך, ביז אריבער דעם פלאקאט. עס איז איהר ניט גוט געווארען פון די צוויי מאדנע פארזעהנישען און זי האט מעהר אהין ניט געוואלט קוקען.

(ווערט פארגעזעצט)

די בענק אף נאווא סקאשיא

אויסלענדישע דרעפטס געקויפט און פארקויפט

מיר האבען גרויסע פארבינדונגען מיט אויסלאנד און מיר קאנען ארויסגעבען דראפטס פאר ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, פוילען יוגאסלאוויע, טשעכא־סלאוואקיא, און כמעט אלע פרעמדע לענדער.

אונזערע אפישעלס געפינען זיך אין לאנדאן און ניו יארק. דירעקטע טעלעגראפישע "וויירס" צו מאנטרעאל און ניו־יארק, בעסטע עקסטשיינדזש רייטס.

קאפיטאל — $10,000,000
רעזערוו — $20,000,000

THE BANK OF NOVA SCOTIA

קווין און מעקאל סטריטס.
ח. סאטערלאנד, מענעדזשער
ספעדיינע און דאנדעס
ס. ב. ניקאהם, מענעדזשער.

נייעס פאר טאראנטאר אידען

אייער אלט באקאנטער שוחט, י. ז. שניידערמאן האט ערעפענט א שלאכט הויז אין דער ריער פון 849 דאנדעס סט. וועסט, אונטער דער השגחה פון ועד הרבנים און די קהלה. איך בעט אלע פריינט, טשיקען דיעלערס און פריוואט מענשען זיי זאלען מיר פאטראנייזען. כשרות און צופרידענהייט גאראנטירט.

מיט אכטונג
י. ז. שניידערמאן.

145

מעדזשיק געז איז גלייך צו געז 3 סענט א גאלאן. אן אומשעדליכער גאראנטירטער פראדוקט. געניצט פון די גרעסטע באס קאמפאניעס, לייבעלס, צירקולארען, לעטערהעדס, מיט'ן אגענט'ס נאמען צוגעשטעלט. פרייע איינצעלהייטען און פראבעס.

P. A. Lefbevre & Co. Ltd.
Magic Gas Building
Alexandria, Ont.

THE DOMINION BANK

עדלייד און ספעדיינע עוו. ברענטש

לאדעט ספעציעל איין אין איהר ברענטש די סוחרים פון דעם דיסטריקט צו ווערען מעהר היימיש אין דער באנק.

געלט קיין אייראפא שיקען מיר צו די ביליגסטע פרייזען. אויסגעצאהלט אין אמעריקאנער דאלארס, אדער ווי אזוי איהר ווילט.

זעהט אונז איידער איהר שיקט געלט. איהר וועט זיכער זיין צופרידען.

ס. ק. קוק, מענעדזשער

צו פארקויפען

צו פארקויפען אין בעסטען אידישען געגענד דעליקאטעסען ביזנעס. אורזאכע קען ניט אטענדען, איז ווילליג צו געבען א "טריי אוט" פרעגען 337 ספעדיינא עוו.
2364-8-20

לעזט און קויפט די גרויסע באַרגיינס

מעננינג עוו. בריק הויז, סקוועהר פלען הארדוואוד אויף צוויי פלארס. דאבל גאראדזש. פינף טויזענט דאלאר.

קלינטאן סטריט, בריק, זיבען רומס, סטים היט, דריי טויזענט דאלאר.

שאה סטריט, 8 רומס, סאליד בריק הארדוואוד, פינף טויזענט דאלאר.

ביטרים סטריט, סקווער פלען, סאליד בריק, זעקס טויזענט.

ראקסטאן ראוד, 8 רומס, סאליד בריק, הארדוואוד דורכאוים, פינף טויזענט דאלאר.

קארנער סטאר צו פארקויפען אין קאלעדזש סטריט, בעסטער געגענט פאר ביזנעס.

פרעגען 218 מארקהאם סטריט, טעלעפאן טריניטי 2014.
382

אונטער נייער פארוואלטונג

HOTEL ABERDEEN

17 וועסט 32 סטריט
ניו־יארק סיטי

צווישען בראדוויי און 5־טע עווענוי
ניי אויסגעבעסערט

300 רומס און באדס $2.60 א טאג און העכער

2 מינוט פון העראלד סקווער, 3 מינוט פון פענסילווייניא סטיישאן, נאהענט צו טעאטערס, באסעס און סטארס. ספעציעלע וועכענטליכע פרייזען.

STOCKTON & STOCKTON
אייגענטימער.

פייפערהענגינג און פיינטינג

אייער אלטער באקאנטער פייפער הענגער און פיינטער נעמט אן קאנטראקט דזשאבס צו די ביליגסטע פרייזען. די בעסטע ארבייט גאראנטירט. קיין דזשאב צו קליין אדער צו גרויס. עסטימייטס פריי. רומס געפייפערט פאר 5 דאלאר און העכער מיט מיין פייפער.

סעם קאץ, 166 אסינגטאן עוועניו
לאידברוק 2350.

פוירנעס

אלע לענדלארדס פון שטאדט ווייסען אז פיעז פוירנים, זענען פון דער בעסטער קוואליטעט און געדויערען 20 יאהר. אט מיר הענדלען פיעז פוירנייס און אינסטאליירען זיי פאר א פרייז וועלכער וועט אייך סורפרייזען. מיר האבען אויך די אידישענסי פאר עדזשעקס פוירנייס וועלכע זיינען גאראנטירט פאר 15 יאהר

טעלעפאנירט טריניטי j 4487
אדער קינגסדייל 8284.

קארפענטער

יעדער סארט קארפענטערי ארבייט אנגענומען. קיין דזשאב צו קליין אדער גרויס צו די מעסיגסטע פרייזען די בעסטע ארבייט גאראנטירט און צופרידענהייט.

הארדוואוד פלארס געלייגט פרענטש טיהרען געמאכט. פייעז רזשאבס געפיקסט, ביליג. טעלעפאנירט:

א. נעלמאן
989 דאנדעס וועסט.
טריניטי 3934

אקאונטענט־בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענס וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט אדער אודיטען זיי. פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.

א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו.
הילקרעסט W 7504.
2794-8-21

קארפענטער

און דזשענעראל קאנטראקטאר

י. קאץ

נעהמט ארבייט פאר הארדוואוד פלארס, פענסי ארבייטס, אלע סארטען ארביימען און הויז אלטערייזשאנס, אויך אלערליי פעקטארי ארבייט.

79 מיידזשאר סט.

טעלעפאן קינגסדייל 8442. מיר
מאכען ארבייט אויף אויסצאהלונגען אויך

צו פארדינגען

צו פארדינגען א פלעט פון 4 רומס 26 דאלאר א מאנאט. פרעגען 247 מיידזשאר סטריט.
389

צו פארדינגען פארנישד בעד־סיטינג רום, פאסיג פאר צוויי ביזנעס־לייט אדער סטודענטען, פרעגען 768 יוקליד עוו. נעבען בלור און באטהורסט. טעלעפאן טריניטי W 3509.
381

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, יעצט ליידיג. פרעגען 17 דיוויזשאן סטריט, ספעדיינע און יוראן דיסטריקט.
404

צו פארדינגען א שעהנע פארנישד רום דאנסטעירז, פאסיג פאר א קאפעל, אויך 1 רום אפסטעירז. טעלעפאנירט טריניטי W 3910 אדער 411 מארקהאם סטריט.
401

צו פארדינגען א פלעט פון דריי אדער 4 רומס ניי דעקארירט. הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס גלייך אריינצומופען. פרעגען 3 ביטרים סטריט.
400

צו פארדינגען א 5 רומיגען דופלעקס, באהייצט. אנטקעגען א פארק, מעסיגע רענט צו ערוואקסענע און שטילע שכנים. פרעגען 39 גארוויל עוועניו.
388

צו פארדינגען אדער פארקויפען די שעהנסטע הויז אין יוראן סטריט, סקוועהר פלען, אלע קאנוויניענס. הארדוואוד איבעראל, צוויי סינקס. פרעגען 132 יוראן סטריט.
397

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס, סינק אין קיטשען ניי דעקארירט. טעלעפאן צום נוצען מעסיגע רענט. 282 מארקהאם סטריט.
398

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס און סאנרום, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען, סעפערעט באטה און טאילעט. אויך צוויי רומס אויף'ן דריטען פלאר אויב נויטיג, און צוויי גאראדזשעס. ביי א קליינע פאמיליע. פרעגען 467 גריים סטריט.
395-8-18

צו פארדינגען א האל פאר פארזאמלונגען צו ארגאניזאציעס. אויך פאר אקציעס. פרעגען ביי טעלעפאן טריניטי 7777.
5199-8-22

צו פארדינגען א פארנישד רום מיט אלע קאנוויניענס, ביי א פיינע פאמיליע. פרעגען 67 בראנזוויק עוועניו, טעלעפאן קינגסדייל 7991.
369 7

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס מיט א סאן רום ביי א קליינע פאמיליע, פרעגען 279 גריים סטריט. טריניטי j 7997.
368-17

צו פארדינגען אן 8 רומיגע הויז אין מיידזשאר סטריט, אלע קאנוויניענס, 45 דאלאר א מאנאט. פרעגען 652 יוקליד עוו. טריניט M 5196.
374

צו פארדינגען א דריי רומיגען באטהרום פלעט. אלע קאנוויניענס. פרעגען 652 יוקליד עוועניו. טריניטי M 5196.
373

„עס דערקלערט זיך מיט דער היץ"

אונזער ליסטע פון קאסטימערס איז באדייטענד פארגרעסערט געווארען אין פארלויף פון די לעצטע היצען, וואס צייגט אז די פרויען הויבען אן אלץ מער און מער אפצושאצען די פראקטישע, קאמאנסענס ווערט פון דער מאדערנער לאנדרי, וועלכע לעזט די פאמיליען־וואש פראבלעם. די מעהרסטע פון די נייע קאסטימער וועלען ווערען שטענדיגע געברויכער פון אונזער סורוויס, אויב זיי וועלען נאכפאלגען די געוועהנליכע פראקטיק. טרייעל ארדערס ווערען געוועהנליך א שטענדיגע זאך. מיר האבען פינף פארשיעדענע סארטען פון "פאמיליען־וואש" סערוויס — אלעס געטאן מיט ווייכע וואסער, אהן שום מארקס, און אהן שום רייבען אדער סטארטשען. די וואש ווערט פאקטיש ווייניגער אפגענוצט ווי דורכ'ן היימישען פראצעס, און עס איז באדייטענד ביליגער. טעלעפאנירט און לאזט אונז אויך דערקלעהרען — אדער שטעלט אפ איינעם פון אונזערע העפליכע דרייווערס. פרעגט זיך נאך אויף אונזערע ספעציעלע זומער־קאטערדזש סורוויס.

SEMI FINISHED
TORONTO WET WASH LAUNDRY Co. Ltd.

175 אסינגטאן עוועניו

צו פארדינגען

צו פארדינגען א קלאב רום פאסיג פאר אן אסעמבלי אדער קלאב. פרעגען 136 דאנדעס סטריט.
2352-8-17

א דאבעל ווינדא סטאר צו פארדינגען מיט 4 רומס, ניי דעקארירט, אין בעסטען געגענט, 419 ספעדיינא עוועניו, גוט פאר עני ביזנעס, גלייך אריינצומופען. פרעגען האמער עדלייד 8046.
341-8-17

צו פארדינגען אין קאמערס בילדינג ארום פופצעהן הונדערט פוס מאנופעקטשורינג ספיים. פרעגען, פרעגען זשורנאל באקס 29.
340-8-17

צו פארדינגען א פארנישד רום אין אן אפארטמענט מיט אלע קאנוויניענס. פרעגען 94 בעווערלי סטריט. טעלעפאן טריניטי j 4240.
339

צו פארדינגען א סטאר מיט צוויי רומס אויף 124 דאנדעס סטריט וועסט. פרעגען טריניטי j 3792.
344-8-17

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס, אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט, הארדוואוד פלארס. טעלעפאן צום נוצען. פרעגען 183 ראבערט סטריט.
363-8-17

צו פארדינגען 2 שעהנע רומס ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, פאסיג פאר א קאפעל, פרעגען 228 שאה סטריט, טעלעפאן לאידברוק 4568.
360-8-17

צו פארדינגען א פלעט פון דריי שעהנע רומס, הארדוואוד פלארס, סטים היט, טאבס. פראנט גאראדזש אויב נויטיג. פרעגען 201 בראנזוויק, קינגסדייל 6741.
359-8-17

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס, אלע קאנוויניענס, פרעגען אין 33 בעלוויו פלייס.
357-8-17

צו פארדינגען א שעהנע גרויסע פארנישד בעדרום אלע קאנוויניענס. פרעגען 375 מענינג עוועניו טעלעפאן טריניטי 8123.
353-8-17

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס הארדוואוד פלארס ניי דעקארירט, סינק אין קיטשען, בעק ווארענדא, ביי א קליינע פאמיליע, טעלעפאן צו נוצען. פרעגען 246 גריים סטריט.
265-8-17

צו פארדינגען א פלעט פון דריי רומס, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען, טעלעפאן צו נוצען, ניי דעקארירט. מעסיגע רענט. פרעגען קינגסדייל 9518.
366-8-17

צו פארדינגען א פלעט פון 4 אדער 5 רומס הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט אלע קאנוויניענס מעג זיין א גרויסע פאמיליע פרעגען 249 מיידזשאר סטריט. טעלעפאן קינגסדייל 8523.
351-8-17

צו פארדינגען א שעהנע פארנישד פראנט רום דאנסטעירז. אלע קאנוויניענס. טעלעפאן צום נוצען פרעגען אין 515 מארקהאם סטריט.
349-8-17

צו פארדינגען א שעהנע פארנישד רום אין אן אפארטמענט, אלע קאנוויניענס סענטראל. פרעגען 182 פאלמערסטאן עוו. אפארטמענט 2.
350-8-17

צו פארדינגען א סטאר מיט צוויי רומס אויף קארנער דעניסאן און דאנדעס סטריטס וועסט פרעגען טריניטי j 3792
344-8-17

צו פארדינגען א 4 רומיגען פלעט אלע קאנוויניענס, און באהייצונג גלייך אריינצומופען. צוואנציג דאלאר א מאנאט. איבער דער שוהל 265 אגוסטא עוועניו. פרעגען פון 5 ביז 6 אוונט, מר. ליטנער 39 דעניסאן עוועניו.
352-8-17

צו פארדינגען א שעהנע פארנישד רום, אלע קאנוויניענס. מאנספערזאן פארגעצויגען. טעל. טריניטי W 4838.
317-8-19

צו פארדינגען א לײדיס רעדי טו וועהר סטאר קאמפליט מיט פיקסטשורס. טעלעפאן עדלייד 0370.
377-8-19

צו פארדינגען צוויי שעהנע רומס, הארדוואוד פלארס. פאסיג פאר א קאפעל, טעלעפאן צום נוצען. פרעגען 234 מאנטראז עוועניו. טריניטי 1382.
376-8-18

צו פארדינגען 3 רומס, הארדוואוד פלארס, בעק ווארענדא, ניי דעקארירט. טעלעפאן סינק אין קיטשען. אלע מאדערנע קאנוויניענס פרעגען 187 גריים סטריט
***

צו פארדינגען א שעהנע פארנישד רום דאווערקאורט, קאלעדזש דיסטריקט. מעסיגע רענט. מיט אדער אהן באארד. פרעגען 9 הייידאן פארק ראוד. טעלעפאן לאמבארד 9858.
349

צו פארקויפען

פאלאטניקס באַרגיינס

טריניטי 6983.

4600 דאלאר, אכט הונדערט איינצאהלען, נייע הויז, סאליד בריק, סקוועהר פלען, 6 רומס און ברעקפעסט רום. הארדוואוד פלארס, פרענטש טיהרען, טיילד סינק, אלע מאדערנע קאנוויניענס.

4,300 דאלאר, מיידזשאר סטריט, אריבער קאלעדזש, זיבען רומס, בריק, הארדוואוד פלארס, סטים היט, גאראדזש.

41 הונדערט, בראנזוויק לעבען הארבארד, 7 רומס, בריק, פול סייז קאנקריט סעלער, נייער פוירנים, ניי דעקארירט, איצט ליידיג.

2500 דאלאר קלינטאן אריבער הארבארד, זיבען רומס, אויף צוויי פלארס, סטימהיט, גרויסער בארגיין.

אויך פיעלע אנדערע פראפערטיס צו פארקויפען אדער אויסצובייטען.

פרעגען פאלאטניק, טעלעפאן טריניטי 6983, אדער 127 בארדען סטריט.
390

צו פארקויפען א רעסטאראנט אין פעקטארי דיסטריקט, זעהר ביליג. א גוטען לעבען צו מאכען. אורזאכע קאן ניט אטענדען. טעלעפאן עדלייד 6737.
361-8-17

א דיינינג רום סעט צו פארקויפען אין גוטען קאנדישאן. פרעגען 17 מאנטראז עוועניו לאמבארד 3147.
354-8-17

צו פארקויפען א 6 רומיגע הויז אלע קאנוויניענס לאט 25 ביי 125 פול סייז סעלער. סלייט רוף, נייע פלאמבינג, מעסיגער פרייז. פרעגען 117 אקספארד סט.
2365-8-18

צו פארקויפען מאשינען, טישען שעפטינג מאטארס, אייזענס פאר קלאוקס אדער דרעסעס. אויך א לײדיס סינגער מאשין, ביליג, פרעגען מ. לאנדסמאן, 414 דאנדעס סטריט, וועסט.
402

צו פארקויפען א גוטע מילינערי סטאר ביליג, מעסיגע רענט. פרעגען אוועגטען 796 קווין סטריט איסט.
403

איבערצוגעבען א קלינינג און פרעסינג סטאר מיט 4 רומס. זעהר ביליג. איינגעטריט פאר זיבעצעהן יאהר. אורזאכע פארלאזט די שטאדט. פרעגען אין 790 באטהורסט סטריט.
312

סטאר קאלעדזש, נארטה סייד, נעבען גריים, באזונדערען א ריינגאנג, גרויסער בארגיין, מוז פארקויפט ווערען.

בראנזוויק עוועניו, 8 רומס, אלע קאנוויניענס, 42 הונדערט.

גריים סטריט סקוועהר פלען, 9 רומס הארדוואוד 62 הונדערט.

סעמיועלס טריניטי 3480.
394

דעם שעהנסטען דעליקאטעסען סטאר אין דאנדעס סטריט וועסט קען מען איצט קריגען פאר 6 הונדערט דאלאר. דער גרעסטער בארגיין וואס מען קען נאר קריגען. פרעגען 226 ראבערט סטריט, אדער טעלעפאנירט טריניטי 6308.
385

צו פארקויפען א לײדיס רעדי טו וועהר און מילינערי סטאר און פיקסטשורס אורזאכע קראנקהייט, מוז גלייך פארלאזען די שטאדט. פרעגען 3009 דאנדעס סטריט, וועסט.
383

5950 דאלאר. בארגיין, סאליד בריק 9 רומס, זומער קיטשען, הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט, סינק אפסטעירז. גאראדזש. גלייך אריינצומופען. 445 ספעדיינא עוועניו. טריניטי 2468.
378

צו פארקויפען 6 הונדערט נומער 1 טעאטער טשערס, פאסיג פאר האלס אדער שוהלען. מוז פארקויפט ווערען, זעהר ביליג. פרעגען 9 בילווער סטריט נעבען ספעדיינע. ווייווערלי 1501.
387-8-18

צו פארקויפען אלע סארט אייז־קרים פארלאר פיקסטשורס פרעגען 614 דאנדעס סטריט וועסט.
391

צו פארקויפען א הויז פון 6 רומס פול סייז סעלער בעק ליין קארנער מיידזשאר און קאלעדזש, אדער וועט אויסבייטען פאר א סטאר. קינגסדייל 8123.
.365

גרויסער בארגיין. סאליד בריק הויז, אלע קאנוויניענס. אויך פארניטשור. 185 מיידזשאר סטריט.
372

צוויי טויזענט דאלאר פראפאזישאן. 800 דאלאר דעליקאטעסען סטאר און אייז־קרים פארלאר צו פארקויפען אין 385 ספעדיינא עוועניו. אורזאכע פארלאזט די שטאדט.
342-8-18

גרויסער בארגיין צום שנעלען קויפער אף טו דייט נייע דעקארירטע הויז. מוז שנעל פארקויפט ווערען. אייגענטימער פארלאזט טאראנטא. סקווער פלען, סטים היט הארדוואוד, דאבעל גאראדזש. פרעגען 61 סאסעקס עוועניו.
409

פארלאנגט

פארלאנגט א פארמאן פאסיג אכטונג צו געבען אויף פערציג מאשינען פון א מאנופעקטשורינג פלענט. מאכענדיג פאפולערע פרייזען דרעסעס. בלויז ערשט קלאסיגע זאלען זיך מעלדען שריפטליך, זשורנאל באקס 28.
2358-8-17

גוטע אלטערייישאנס ארבייט. קארפענטער ארבייט, הויז ריפיירינג. עסטימייטס פריי. פרעגט פאר
W. Elliot
Hillcrest 6813-w
812-8-18

פארלאנגט עקספיריענסד פינישערס צו דרעסעס, פרעגען אמעריקאן דרעס קא. 333 עדלייד סטריט, וועסט.
2363

אן אוקראינישע מיידעל זוכט יעדער סארט הויז ארבייט. וועט ארבייטען פאר צוויי דאלאר א טאג. פרעגען 74 עלם סטריט. טעלעפאן עלגין 1669.
335-8-17

איך נעהם קינדער אכטונג צו געבען ביי מיר אין הויז. גוטען אטענשאן. גוטע רעפערענס. טעלעפאנירט טריניטי 8533.
274

פארלאנגט צו רענטען צוויי שעהנע רומס צווישען מארקאם און ביטרים סט. יונגע קאפעל, טעלעפאנירט טריניטי J 3369.
358-8-17

פארלאנגט א פארטנער צו א גוטע קלינינג און פרעסינג ביזנעס אין בעסטען געגענד. מוז זיין א שניידער און קענען דרייווען א קאר. פרעגען זשורנאל באקס 31.
355-8-17

פארלאנגט יעדער סארט ארבייט. וואשען, ווינדאס קלינינג, וועקסינג פלארס גארדענינג, שניידען גראז, וואשען און סימאנייזינג קארס. אנגענומען פון אלע טיילען שטאדט. קומט גלייך איין שטונדע נאכדעם ווי מען מעלדעט. רעפערענסעס. טעלעפאנירט סאמנער און באטקע טריניטי W 6113.
347-8-18

פארלאנגט א פארטנער מיט צוויי טויזענט דאלאר קעש צו א גוטע בעקערי ביזנעס. שרייבט זשורנאל באקס 30.
2366-8-17

פארלאנגט א שוחט פאר קווירקלאנד לייק. זיך ווענדען פערזענליך פון 9 ביז 10 פריה אין רובינס רעסטאראנט. פרעגען ס. פינקעלמאן.
348-8-19

פארלאנגט ארבייט.

א דייטשע נוירס וואס געהט אהיים געבען מאסאדזש טריטמענס. $1.50 א שטונדע. טעלעפאנירט טריניטי j 2240.
336-8-15

א גוטער בעל תפלה פאר מוספים, בעל קורא און בעל תוקע, פארלאנגט א שטעלע צו דאווענען ימים נוראים אין שטאדט אדער אין קאנטרי, צופרידענהייט פארזיכערט. פרעגען פאר מר. שארף, 203 ביטרים סטריט.
טעלעפאן טריניטי j 7928.
407

א דייטשער מאן מיט א פרוי און צוויי קינדער, פארלאנגט ארבייט אויף א פאלטרי פארם. האט זעהר פיעל עקספיריענס. פרעגען 126 ראבערט סטריט.
379-8-18

א דייטשע מיידעל פארלאנגט הויז ארבייט. קען שלאפען אין דערהיים. פרעגען 21 הענרי סטריט.
386

העירקאטינג ביי עקספערט. פרויען 25 סענט, קינדער 15 סענט. פרעגען 768 יוקליד עוועניו. טריניטי W 3509.
380

א מאן פאהרט צו גרייווענהארסט ביי קאר זונטאג פארלאנגט פאסענדזשערס $1.50 א מאן. פרעגען 205 אגוסטא עוו.
396

פארלאנגט א טראק דרייווער זאל זיין פעהיג צו קענוועסינג. מוז האבען רעפערענס און סעקיוריטיס. פרעגען דיימאנד בעקערי 656 קאלעדזש סטריט.
2369

פארלאנגט א פארטנער פאר א דריי גודס און טיילארינג ביזנעס אין א קאונטרי סטאר. קליינער קאפיטאל נויטיג. גאראנטירט א לעבען צו מאכען. פרעגען 790 באטהורסט סטריט.
.393

פארלאנגט עקספיריענסד דרייפער אויף דרעסעס. פרעגען ווייווערלי דרעס קאמפאניע. באלפאר בילדינג 10־טער פלאר.
3868-8-18

פארלאנגט א מעסענדזשער באי מיט א בייסיקעל. פרעגען יוניטי פאר קאמפאניע 124 דאנדעס סטריט וועסט.
2370

פארלאנגט הינטלאך. מיר צאהלען גרויסע פרייזען פאר יעדער סארט הינטלאך.
טעלעפאנירט קינגסדייל 7104.
408-8-19

צרות פון קינדער

א שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אין פוילען

פון מ. ווארשאווער

(פארזעצונג)

— די מאמע מוז עס זיכער פיהלען אין קבר, אז נישט וואלט מיר אזוי גוט נישט געווען — איז אנקע פון מינוט צו מינוט געווארען באגייסטערטער.

— אבער ווער איז ער? האסט מיר נאך נישט געזאגט, וואס פאר א מענש דאס איז?

— ער איז א יונגער, א שטארקער, מיט אזא וואונדערבאר גרויסען קאפ.

מאריא הערט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם. אלע אברים אין איהר זענען אנגעצונדען, זיי גליהען.

נאר עפעס א מאדנע זאך קומט איצט פאר מיט דער דאזיגער פרוי. זי הערט, ווי עס רעדט איהר שוועסטער, אבער דאכטען, דאכט זיך איהר, אז דאס רעדט זי אליין.

אין איהר מוח׳ לעבט אויך אזא מין מענש. אויך זי טראכט פון איינעם, וואס איז א שטארקער און האט א וואונדערבאר גרויסען קאפ.

א מאדנע זאך: איהר שוועסטער, אט די אנקע — האט זיך פארליעבט אויך אין אזעלכען.

— אזוי ווי אפאלא.

— ווי אזוי זעהט ער אויס?

— אן אליוו פנים. גרויסע שווארצע אויגען, בלויע ווייסלעכטסער... אז ער רעדט, דאכט זיך, אז ער זינגט.

— הער נאר, הער נאר — ווערט פרוי מאריא וואס אמאל צו׳הוש׳טער און מטושטש׳ער. אויך זי טראכט אזוי. אויך יענער דארט זעהט אזוי אויס און רעדט אזוי... ביזט א מבין... איהר שוועסטער...

— איז ער א גוטער מענש? — פרעגט אויפסנויי מאריא.

— זעהר א גוטער. א גאלדענער בחור... א טייער הארץ...

מאריא׳ן ווערט לייכט אויפ׳ן הארץ. זי האט געוואלט וויסען, צי אנקע׳ס באקאנטער איז א גוטער מענש, ווייל יענער דארט, ס׳הייסט איהר באקאנטער, איז נישט קיין גוטער מענש. א פראסטער איז ער, א גראבער יונג, מיט א נידערטרעכטיגען כאראקטער. כאטש א נס, וואס אנקע׳ס באקאנטער איז אזא גוטער. אויסערליך דערמאנט ער איננאנצען יאקוב׳ן. אבער אינערליך זעהט ער אויס צו זיין אן אנדערער.

— פון וואנען איז ער?

— פון ווארשא.

— קענסט זיך שוין לאנג מיט איהם?

— עטליכע חדשים.

— איז ער רייך, ארים?

— רייך, זעהר רייך.

— וואס טוט ער?

— ער האט א געשעפט, א מין באנק־געשעפט.

— וואס הייסט א מין באנק־געשעפט? — ווערט פלוצלונג מאריא׳ס קול געפרעסט און זי רוקט זיך צו נעהענטער צו איהר שוועסטער.

זי ווייסט אליין נישט, וואס דאס איז, נאר אין די שלייפען נעהמט האקען, ווי מיט האמערס.

— ער האנדעלט מיט וואליוטע, — ענטפערט אנקע און פיהלט, ווי איהר שוועסטער רוקט זיך איננאנצען ארויף אויף איהר.

— מאריא, איז דיר קאלט? — פרעגט זי מיט א דערשראקען קול.

— ניין, ניין — ענטפערט מאריא גיך, אזוי ווי אן אטעם, און מען הערט, ווי די ציינער אין מויל וואלטען זיך געווארפען.

— טא וואס־זשע דען ציטערסטו אזוי? הא, מאריא?

— גארנישט, גארנישט. ס׳איז דא קיהל, עפעס קיהל געווארען.

זי רעדט גיך, אפגעהאקט. אנקע׳ן באגיסט א שוויס, וואס איז פלוצלונג געשעהן מיט איהר שוועסטער?

— מאריא! קום אהיים, וועסט דיך פארקיהלען! — שרייט שוין אנקע אויס און שטעלט זיך ראפטאם אויף.

— יא, יא, אהיים — שטאמעלט מאריא און שטעלט זיך קוים אויף און נעהמט ארום דעם ארעם פון איהר שוועסטער, און שלעפט זיך נאך, ווי א שכור׳ע, אדער ווי א קראנקע, וואס קאן נישט שטעלען קיין טריט.

אנקע איילט אהיים. זי האט מורא, אז איהר שוועסטער איז זעהר קראנק געווארען.

— וואס איז דיר, שוועסטער? — בעט זי זיך און בויגט זיך אלע פאר מינוט אראפ צו איהר.

— גארנישט. קום אהיים. גיכער. גיכער...

אין מיטען וועג בלייבען זיי שטעהן. מאריא זעהט אויס, אזוי ווי זי וואלט ניט געקאנט כאפען דעם אטעם.

— שטעה נאר — שרייט זי אויס — שטעה נאר, אנקע.

ביידע שטעהען. מאריא, וואס איז אביסעל נידעריגער פון אנקע׳ן, ציהט זיך ארויף און מיט ווייכע, ציטערדיגע הענט נעהמט זי גלעטען יענער׳ס פנים.

— זעהסטו, — רעדט זי שוואך און צובראכען — זעהסטו, איך האב גאר פארגעסען...

זי בלייבט שטעהן אין מיטען. מען זעהט, אז עס קרענקט זי עפעס, אז זי וויל עפעס זאגען, נאר זי האט מורא.

— וואס איז דיר, דאריא, טייערע מיינע! — קאן שוין אנקע מעהר נישט אויסהאלטען — וואס איז עפעס פלוצלונג געווארען מיט דיר?

— זעהסטו, זעהסטו, — רעדט יענע היים, — איך האב דאך גאר פארגעסען, האסט דאך מיר גארנישט געזאגט, ווי אזוי הייסט ער?

— לאז אפ אצינד, ביזט קראנק. קום שוין אהיים, גיך.

— איך בין קראנק? — גיט זיך מאריא א גלייך אויס און עס בלייבט שטעהן א גלייכע פרוי, א פארדיסענע, נאר מיט א פארהאקט, שווייגענדיג פנים.

אנקע ווערט איבערראשט. עפעס א נייע שוועסטער איז מיט איין מאל שטעהן געבליבען. נישט איהרע, מאריא. אן אנדערע, גאר, א יונגע, שעהנע פרוי. ניט מעהר, וואס דאס פנים איז ביי איהר בייז.

— ווי הייסט ער? — פרעגט מאריא חוצפה׳דיג.

— שווארץ!...

— כא, כא, כא! — צושיט זיך פלוצלונג א ווילד געלעכטער, און די שטאלצע, שעהנע מאריא נעהמט לויפען גיך, גיך, גיך.

אנקע נעהמט נאכלויפען, שרייט, רופט... אבער ביז מען קומט צו דער ווילע, קאן זי יענער נישט דעריאגען.

ערשט דא, ביי דער ווילע, בלייבט יענע שטעהן. זי שפארט אן דעם קאפ ביי א וואנט. זי איז שרעקליך מיעד. זי איז איננאנצען צובראכען. ווייטער קאן זי קיין איין טראט ניט שטעלען.

עס קומט צולויפען אנקע. פארסאפעט, פארוויינט. זי האט דאס געפיהל, אז איהר שוועסטער איז פלוצלונג פון זינען אראפ.

זי פאלט צו צו איהר.

— מאריא, דערבארים דיך!

(ווערט פארגעזעצט)

אזהרה — והתראה

מיר דער "ועד הכשרות" אין לאנדאן אנט. זענען מודיע צו אלע שו"בים פון יונייטעד סטייטס און קאנאדע אז אין לאנדאן האט צוויי יאהר כסדר עקזיסטירט שחיטת שני שו"בים לויט א פסק און עפאסטע תקנות פון א בית־דין רבנים אין טאראנטא מיט דער הסכמה פון טאראנטאר "ועד הרבנים". צום באדויערן, זענען לעצטעם די תקנות הרבנים פון שוחט טורעק פארלעצט געווארען. אזוי ווי אין לאנדאן זוכט מען איצט א שו"ב אויף דעם שוחט טורעקס פלאץ, איז אונזער חוב מודיע צו זיין בפומביא און מזהיר זיין דעם יעניגען שו"ב וועלכער וועט פארטרעטען די שטעלע אין לאנדאן ער זאל ניט וואגען צו זיין א מהרסיך ומחריביך אין אונזער שטאדט. דער טאראנטאר ועד הרבנים און אונזער ועד הכשרות וועלען בודאי ניט בלייבען בחבוק ידים און לאזען צוברעכען א דין כמבואר בבית יהודא ובח"בש, ער וועט געוויס זיין פון די צועקים ולא נענים, וכל השומע תבא עליו ברכה.

בברכת תורה,

ועד הכשרות קאמיטעט.
אין לאנדאן אנט. קאנאדע.

אזהרה

מיר דער ועד הכשרות אין לאנדאן, אנט. זענען מזהיר, אז קיין שו"ב פון אנטאריא אדער ערגעץ אנדערש זאל ניט קומען קיין לאנדאן שעכטען הן עופות, הן גסות. לאנדאן האט א שו"ב, זאל קיין שו"ב זיך ניט לאזען בעאיינפלוסען צו קומען אפילו צייטווייליג לעבען ביי אונז אין שטאדט, חוץ וואס עס וועט זיין אמת׳ע הסגת־גבול וועלען מיר דעם נאמען פון שו"ב פובליקירען אין דער עפענטליכקייט אלס מחרחרי ריב.

ועד הכשרות קאמיטעט,
אין לאנדאן אנט. קאנאדע.

זייט געטרייסט

מיר דריקען אויס אונזער מיטגעפיהל צו דער פאמיליע אפשטיין און נעהמען אנטייל אין זייער טיעפען צער צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער ליעבען זוהן און ברודער

יצחק יעקב אפשטיין ע"ה

גאט זאל אייך טרייסטען, און שיצען אייך פון ווייטער אייער פאמיליע פון צער.

מר. און מרס. י. זוננער
און פאמיליע.
297 מארקהאם סטריט.

WHEN IN NEED

האט אין זינען אז מיר האבען שטענדיג גענוג קעש — איהר קאנט לייען וועלכע סומע איהר ווילט אויף קורצע נאטים און אויף זעהר גינסטיגע טערמס צו אויסצאהלען.

דאנדעס און ספעדיינע בראנטש
514 דאנדעס סט. וועסט.

CENTRAL FINANCE CORPORATION
BRANCH OFFICE
514 Dundas St. West cor. Spadina, Trinity 4862
C. I. BENJAMIN, Manager

ביזנעס טעלעפאנען:
דאנטאון, עדלייד 2544
אפטאון, טריניטי 1652

בראון און סמית
לאיערס
394 בעי סטריט
514 דאנדעס ס.ט. וועסט, קאר. ספאדיינא עוועניו

אונזער נייער אפטאון אפיס אויף 514 דאנדעס סטריט וועסט, קארנער ספאדיינא עוועניו, איז איצט אפען. דיזער אפיס וועט זיין אפען אין די אווענטס.
געלט געליען אויף מארטגיידזשעס אויף 6 פראצענט.

רעזידענס טעלעפאנען:
א. ת. בראון, הילקרעסט 6146 F
ס. א. סמית, עדלייד 7674.

אן אפיל צו דער אידישער באפעלקערונג!

די אידישע בעקער ארבייטער אפעלירען צו אלעמען צו נוצען ברויט נאר מיט דעם

יוניאן לייבעל

קויפט ברויט נאר מיט׳ן יוניאן לייבעל. און מיט דעם וועט איהר העלפען פעסטיגען אידישע פאמיליעס צו מאכען אן ערליך און אנשטענדיג לעבען.

אין רעסטאראנען, אין דעליקאטעסען סטאר, אדער ביי אייך אין דער היים — איבעראל זעהט צו האבען ברויט נאר מיט׳ן יוניאן לייבעל. באשיצט די אידישע בעקער יוניאן, וועלכע פיהרט א קאמף מיט אלע ארבייטסלאזע בעקער־ארבייטער.

די אידישע בעקער יוניאן
לאקאל 181. טאראנטא

נייעס ביי אונז אין שטאדט

ביי דער ארבייטסלאזער קאנפערענץ

גרויסע פלענער זענען אנגעצייכענט געווארען ביי דער ארבייטסלאזער קאנפערענץ וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג אין קאונסיל צימער פון סיטי האל. אנצוהויבען א רעגעלמעסיגע בוי־טעטיגקייט אין שטאדט, און אויב דאס זאל פארווירקליכט ווערען, וועלען אביסעל ארבייטער ווייניגסטענס באקומען ארבייט אין די קומענדע חדשים.

אנהויבען צו בויען די נייע פאליס־געבוידע, ווי באשטימט פון סיטי קאונסיל אויפ׳ן הארבאר. גלייך זיך נעמען צו פארפארטיגען די באטהוירסט סטריט בריק, וועלכע פירט פון באטהוירסט קיין סאניסייד, פארענטען און איבערארבייטען א רייע שטאדטישע געביידעס, אנהויבען בויען סאבוויים איבער די באן־ליניעס, וועלכע קרייצען ארום די שטאדט אין פארשידענע געגענדען, צורעכט מאכען צענדליגער גאסען, וועלכע זענען באמת חרוב און עס איז אונמעגליך זיי דורכצופארען. דאס וועט טיילווייז לינדערען די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט פראבלעם פון שטאדט.

דאס זענען בלויז א טייל פון די פלענער, וועלכע דער מעיאר האט פארגעשלאגען צו די פארזאמעלטע, און אויף וועלכע די אנוועזענדע האבען צוגעשטימט, אז אזעלכע ארבייטען זענען איצט נויטיג און זיי וואלטען געראטעוועט הונדערטער פאמיליעס פון ליידען הונגער.

צו דער פארזאמלונג זענען געקומען הונדערטער ארבייטסלאזע, וועלכע האבען איבערפילט דעם קאונסיל צימער. די גאלערעי איז געוועזען איבערגעפאקט, און די טירען האבען געמוזט צוגעמאכט ווערען, מער ניט אריינצולאזען.

ביי דער קאנפערענץ האט אויך ניט געפעלט קיין קריטיק, פארוואס מען האט א גאנצען זומער גאר ניט געטאן. מען האט געלאזען אזוי פיעל פאמיליעס הונגערען, און ווען עס האט דערגרייכט צו דער גרעסטער שטופע פון נויט, זוכט מען ערשט פלענער ווי אזוי עטוואס צו טאן.

די פארזאמלונג איז געפירט געווארען פון דזשיי. גיבענס, געוועזענער קאנטראלער און איצט קאמישאנער פון דער הידרא.

עס זענען אנוועזענד געוועזען אויסער שטאדט־פארטרעטער, אויך דער סעקרעטאר פון טרייד יוניאן בילדינג קאמיטעט, דער סופעראינטענדענט פון דער קענעדיען רעגיערונגס עמפלאימענט אפיס אין שטאדט, א פארטרעטער פון נײשאנאל לייבאר קאונסיל, א פארטרעטערין פון דער לייבאר פארטיי, א פארטרעטער פון דער הידרא קאמישאן, א פארשטעהער פון דער טיפאגראפיקעל יוניאן, און א פארשטעהער פון די אוירלסקאט לייבאר קאנפערענץ.

די ארבייטער פארשטעהער האבען געהאלטען געלונגענע רעדעס, אנצייגענדיג אויף דער גרויסער מאסע ארבייטסלאזע, און אויפגעפאדערט, אז גרויסע ארבייטען זאלען גלייך אונטערנומען ווערען.

קאמישאנער גיבענס האט אפעלירט צו די טרייד יוניאן פארשטעהער, אז זיי זאלען אנהויבען א באוועגונג פון קאנאדער סחורה, געמאכט אין קאנאדע, פאר קאנאדער. דערמיט וועט מען פארזיכערען מער ארבייט אין די פאבריקען.

מען האט אויך פארגעשלאגען צו רופען א פראווינציעלע קאנפערענץ, מיט פארשטעהער פון גאנץ אנטאריא, אום צו געבען ארבייט די ארבייטסלאזע אויסער׳ן שטאדט.

צו דער זעלבער צייט איז געמאכט געווארען אן ערקלערונג פון פארשטעהער פון דער פראווינציעלער רעגיערונג (קווינס פארק), אז די שלעכטע צייטען זענען שוין פאראיבער. און אז גלייך נאך דער נאציאנאלער אויסשטעלונג וועלען זיך אנהויבען בעסערע צייטען אין שטאדט.

די ערקלערונג לויטעט, אז פיעלע פאבריקאנטען, וועלכע האבען געהאט ניט־פארקויפטע סחורות, האבען זיי שוין פארקויפט, און איצט נויטיגען זיי זיך אין נייע פראדוקציעס.

עס איז אויך ערקלערט געווארען, אז א סך ארבייטס־געבער האבען ניט געוואלט אונטערנעמען קיין נייע ארבייטען ביז נאך די וואלען, און מיט דעם אויסגאנג פון די וואלען, זעהען זיך נייע האריזאנטען פאר א גרויסע ארבייטס־טעטיגקייט אין קאנאדע.

די קאנפערענץ האט געדויערט א גאנצען טאג, און די ארבייטסלאזע האבען דערווייל צוגעזעהן ווי זייערע פארטרעטער האבען שווער געארבייט איבער אן ארבייטסלאזען פראגראם.

קושט דעם מאן און באגעהט זעלבסטמארד

— זיי געזונט, דזשים. איך האב דיך הארציג ליעב. — מיט די ווערטער האט א יונגע פרוי, אננא מיטשעל, בלויז 23 יאר אלט, זיך געזעגנט מיט איר מאן, אים א קוש געטאן אין פנים, און געפאלען טויט לעבען אים.

דאס יונגע פארעל, וועלכע האבען געוואוינט אין 59 ריווער סטריט, האבען זיך זעהר ליעב געהאט, ווי דער מאן ערקלערט, און ער האט ניט קיין באגריף, פארוואס זי האט עס געטאן.

דער פארצווייפעלטער מאן האט גלייך גערופען פאליציי, וועלכע האבען דעם טויטען קערפער צוגענומען אין סט. מייקעלס האספיטאל. אין צימער פון דער זעלבסטמערדערין האבען זיי געפונען א פלעשעלע פון סם, וואס זי האט אויסגעטרונקען איידער זי האט געקושט דעם מאן.

איר מאן האט מיט א צייט צוריק געארבייט אין פארד פלענט, און איז לעצטענס געווען ארבייטסלאז. אויך איר אכצען יעריגער ברודער, וועלכער האט געוואוינט מיט איר, איז געוועזען ארבייטסלאז.

אן אונטערזוכונג ווערט געמאכט וועגען די אורזאכען וואס האבען זי געטריבען צו זעלבסטמארד.

דריי באוואפענטע באנדיטען בארויבען א גראסערימאן

ער. י. וואוד, פון 103 אשדייל עוו. האט געהאלטען ביים צושליסען זיין גראסערי, ווען צוויי מענער זענען צו אים צוגעקומען און געבעטען, אז ער זאל זיי פארקויפען א פונט פוטער.

ווען ער האט זיך ארונטערגעבויגען צום אייז באקס, איז פאר אים אויסגעוואקסען א דריטער מאן מיט א רעוואלווער און פארלאנגט דעם טאג פדיון.

ער האט זיך דערשראקען, אויפגעהויבען די הענט, און איינער פון זיי האט אויסגעליידיגט דעם קעשרעדזשיסטער, אין וועלכען עס איז געוועזען די סומע פון פופציג דאלאר.

נאך זייער אוועקגעהן האט דער בארויבטער גערופען פאליציי, וועלכע האבען א גאנצע נאכט געזוכט די רויבער, אבער אהן ערפאלג.

האט געהאט א רייכען פערמיט

אונערווארטעט האט די פאליציי געמאכט אן איבערפאל אויף א הויז אין סימקא סטריט, אין וועלכען עס וואוינט פרעד ראבינסאן (א שווארץ־הויטיגער) און דארט געטראפען א גאנצען מנין מיט לאנדסלייט, וועלכע האבען געטרונקען לחיים.

עס איז זעהר מעגליך, אז דאס זענען חברה זיך צוזאמענגעקומען ארומרידען די חזנים־פראגע, אדער באטראכטען א פלאן פאר "פלען־טאונינג". דערווייל אבער זענען אויפ׳ן טיש געשטאנען גענוג ליידיגע פלעשער, און פעטע גלעזער, אלס א באווייז, אז חברה האבען עפעס גענומען אין מויל אריין.

אויפ׳ן פערמיט האט מר. פרעד בלויז געקויפט 41 גאלאן וויין, פיער הונדערט פלעשלאך ביער, און 89 פלעשלאך משקה.

די פאליציי באטראכט דעם פערמיט אלס א טייערען באווייז געגען דעם אייגענטימער, אז דארט האט מען געטרונקען ביים גלעזעל.

דער אייגענטימער איז ארעסטירט.

דריי יאר און פינף שמיץ

ראבערד דזש. ראשטאון, וועלכער איז געפונען געווארען שולדיג אין פארפירען א יונגע מיידעל, האט באקומען דריי יאר טורמע, און פינף שמיץ מיט דעם לעדערנעם רימען, וועלכער הענגט אין חד־גדיא.

די פינף שמיץ זאל ער באקומען נאך די ערשטע זעקס חדשים.

פרוי ארעסטירט, ווייל זי האט פאראורזאכט א דרייפאכען צוזאמענשטויס

מרס. נעלי שאוטערלאנד איז ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע, אז מיט איר נאכלעסיגען טרייבען דעם אויטאמאביל, האט זי פאראורזאכט א דרייפאכען צוזאמענשטויס מיט אנדערע אויטאמאבילען, און דערביי פארוואונדעט אן אכצען יעריגע מיידעל.

דער פארהער וועט פארקומען קומענדע וואך.

ווינסענט מעסי וועט רעזיגנירען

האנ. ווינסענט מעסי, דער קענעדער האי־קאמישיאנער אין לאנדאן, וועלכער געפינט זיך איצט אין אטאווא, האט געהאט א געשפרעך מיט׳ן פרעמיער, און לויט ווי עס ווערט פארזיכערט פון פארלעסליכע קוועלען, וועט האנ. מעסי אריינגעבען קורצליך זיין רעזיגנאציע אלס האי־קאמישיאנער.

Hermans
¼ Million Dollar
Factory Sale
of
FUR COATS

פיעלע א האלבען פרייז - מאנכע ווייניגער
קוקט זיך ארום איידער איר קויפט אייער פאר קאוט

רעכטס און לינקס האט איר פאר סיילס, פאר סיילס איבעראל ארום אייך. און אלע קליימען צו זיין "די גרעסטע מציאות"! ווי אזוי קענט איהר וויסען וואו צו קויפען? דער זיכערסטער וועג איז זיך ארומצוקוקען, צו פארגלייכען די פרייזען, — און דאן קומען אין אונזערע שאורומס. און אויב מיר קענען אייך ניט איבערצייגען, אז הערמאנ׳ס פעקטארי פרייזען זענען די ביליגסטע אין שטאדט, וועלען מיר גערן צוגעבען, אז מיר פארשטייען זיך ניט אויף דער ווערט פון פארס.

דער לאגישער פלאץ צו קויפען פארס איז פארשטייט זיך אין דער פעקטארי. וואו עס איז פאראן נאר איין אויסנאהמע, און דאס איז אויך א גאנץ ביליגע, צוליעב דעם געגענט וואו מיר געפינען זיך. הערמאן פארס זענען אבסאלוט גאראנטירט, ווייל מיר מאכען זיי אליין. די סקינס ווערען פערזענליך אויסגעקליבען דורך מר. הערמאן, און די קאוטס זענען דעזיינט און געמאכט אין אונזער אייגענער פעקטארי, וואו מיר קענען אכטונג געבען אויף דער גאנצער ארבייט. דאס איז די אורזאכע ווארום מיר קענען גאראנטירען דעם קלענסטען דעטאל פון די הערמאן פארס.

באזוכט מארגען די הערמאן פעקטארי שאורומס, איר וועט איבערראשט ווערען פון נייע שענע קאוטס, און די ביליגע פרייזען.

א ספעשעל דעפארטמענט פאר קאוטס געמאכט צו־דער מאס. מיר גאראנטירען צו פיטען יעדע פיגור, און געבען יענעם שלאנקען עפעקט, וואס פרויען האבען אזוי ליעב אין קאוטס.

אלטעריישאנס און ריסטיילינג צו פאפולערע רעדוצירטע פרייזען. קאוטס רוליינט פון $15 און העכער.

מיר האלטען אפען אין די אווענטען ביז 8:30

HERMAN FURS

ע. הערמאן און קאמפאניע לימט.
מאנופעקטשורינג פאריערס
בעי סט. און ושיראד. עדלייד 4243
אויך א סטאר אויף 403 אולעט עוו. ווינדזאר, אנט.

א קליינער דעפאזיט רעזערווירט פאר אייך יעדען קאוט.

פרייע סטאראדזש ביז דער צייט ווען איהר פארלאנגט עס

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
PUBLISHED BY
JOURNAL PRESS, LIMITED
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
542 DUNDAS ST. WEST, Telephone Trinity 6830-6831
M. Clavir, Pres. and Gen. Mgr.

אז עס איז ניטא קיין מזל

אלץ מוז האבען מזל. אפילו א פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען. מען מוז געבוירען ווערען אין א זיידען העמדעלע — זאגט אן אלט אידיש שפריכווארט.

זאגען מאנכע — פרעזידענט הואווער האט ניט קיין מזל.

ענטפערען אנדערע — פרעזידענט הואווער איז ניט קיין שטאטסמאן.

דאס ערשטע זאגען זיינע פריינט. און דאס צווייטע, פארשטייט זיך, זיינע געגנער.

ווער איז גערעכט? — זיינע פריינט, אדער געגנער?

קען מען אויס׳פשט׳לען באווייזען פאר יעדען צד. זיכער איז אבער, אז אלעס וואס פרעזידענט הואווער האט ביז יעצט געטאן איז געוועזען א דורכפאל. און דער אמאליגער הואווער. דער שפייזער פון דער וועלט אין די מלחמה־יארען. פארלירט אלץ מער פון זיין פאפולאריטעט.

הואווער׳ס גרעסטער אויפטו איז דערוויל די לאנדאנער אנטוואפנונגס־קאנפערענץ. אבער מער ווי א פארזוך פאר אנטוואפנונג, איז עס דאך ניט. א שיף מער אדער ווייניגער. די וועלט, און אפילו די דריי מעכטע פונ׳ם לאנדאנער אפמאך, בלייבען נאך אלעס באוואפענט פון קאפ ביז די פיס.

און דאס ביסעל קרעדיט וואס פרעזידענט הואווער קען שוין יא באקומען פאר דעם. ווערט פארטונקעלט דורך אמעריקע׳ס נייער טאריף געזעצגעבונג. וואס האט אויפגערייצט די וועלט געגען אמעריקע.

קיינער קען דאך ניט דערווארטען, אז די וועלט זאל צוקוקען רוהיג, ווי אמעריקע שליסט אויס פרעמדע סחורות פון איר מארק. און זאל דערביי וועלען. אז די אנדערע מלכות זאלען האלטען אפען זייערע אייגענע מערק פאר אמעריקאנער סחורות.

פרעזידענט הואווער רעדט אזוי פיעל פון "פראספעריטי". און אויפ׳ן סטאק־עקסטשענדזש קומט פאר איין קראך נאכ׳ן צווייטען. און עס איז שוין אזוי תמיד. א שלעכטער עקאנאמישער און פינאנציעלער צושטאנד ווערט שטענדיג צוגעשריבען צו דער רעגיערונג. ווי עס האבען עס אזוי קלאר באוויזען די לעצטע וואלען אין קאנאדע.

און אז עס זענען באשערט צרות. קומען זיי פון אלע זייטען. געפינט זיך יעצט פרעזידענט הואווער אין א מין "צווישען פייער און וואסער" צושטאנד א דאנק דער פראהיבישאן פראגע.

ער איז דערוויילט געווארען מיט דער הילף פון די פראהיבישאניסטען. איז ער דאך געוועזען דער טרוקענער קאנדידאט. אבער יעצט טענה׳ן די "טרוקענע". אז ער איז ניט שטרענג גענוג אין דער דורכפירונג פון דעם וואלסטעד געזעץ. און איז עס נאך געוועזען ווייניג, איז לעצטע וואך געקומען דר. ניקאלאס מארעי באטלער. דער פרעזידענט פונ׳ם קאלאמביא אוניווערזיטעט און וויכטיגער רעפובליקאנישער טוער. און דערקלערט. אז די ניי־יארק סטייט קאנווענשאן פון די רעפובליקאנער וועט אננעמען א באשלוס אפצושאפען דעם אכצענטען אמענדמענט. אזוי ווי דר. באטלער ווייסט וואס ער רעדט. מיינט עס נייע צרות פאר הואווער׳ן. מיינט עס נאך פארשטארקטערע געגנערשאפט מצד די פראהיבישאניסטען.

און וואוהין קען דאס אלעס פירען. אויב די פארמערס זאלען נאך אויך דאס יאר אנטוישט ווערען אינ׳ם רעפובליקאנישען רעזשים א דאנק דעם וואס זייערע פלעצער זענען ממש חרוב געווארען פון דער היי־יאריגער טריקעניש.

עס איז שטענדיג ניט קיין לייכטער "דזשאב" צו זיצען אין ווייסען הויז. און בפרט אונטער אזעלכע אומשטענדען. ווען אלעס גייט מיט דער פוטער אראפ. און ווען אנשטאט מזל פאלגט אים גאר נאך דער שלימזל.

אן אראבישע גענעראל סטרייק פאר א נאווינע

לויט ווי מיר האבען שוין באריכטעט אין אונזער נייעס־אפטיילונג, האט דער מופטי מיט זיין אראבישער עקזעקוטיווע באשלאסען צו פראקלאמירען דעם טאג פון דעם 23־טען אויגוסט. אלס א טאג פון פראטעסט געגען דער ענגלישער רעגיערונג דערפאר וואס מען האט געגעבען אזא "מילדע" שטראף דעם אידישען פאראורטיילטען יוסף מזרחי אורפאלי.

דער אופן ווי אזוי דער מופטי מיט זיין עקזעקוטיווע וועלען אויסדריקען זייער פראטעסט איז דורך א גענעראל־סטרייק. וואס איז באשטימט געווארען אויף דעם 23־טען אויגוסט. דער דאזיגער דאטום איז אויסגעקליבען געווארען פון דער עקזעקוטיווע. ווייל לויט דעם אלגעמיינעם קאלענדאר פאלט עס אויס אלס דער ערשטער. טאג ווען די פאגראמען האבען אויסגעבראכען לעצטען יאר אין ארץ ישראל. און ווען אין חברון זענען אויסגעשאכטען געווארען פון די צווילדעטע אראבישע מערדער 63 אומשולדיגע אידישע ישיבה־בחורים.

אט דעם דאזיגען טרויעריגסטען טאג אין דער אידישער מארטירער־געשיכטע האבען עס די אראבער אויסגעקליבען צו פראקלאמירען א גענעראל־סטרייק. אלס פראטעסט פארוואס אורפאלי איז ניט היינגעריכטעט געווארען אדער איז. אמווייניגסטענס. ניט פארשיקט געווארען אויף לעבענסלאנג אין געפענגעניש. אזוי ווי די אראבישע פאגראמשטשיקעס.

מילא, וואס אנבאלאנגט ווענען אורפאלי׳ס שולד אדער אומשולד. ווילען מיר דא ניט ריידען. ווייל מיר גלויבען. אז ווען זיין אומשולד וואלט ניט באוויזען געווארען. וואלט ענגלאנד. ניט ארויסגעוויזען אזוי פיעל "גערעכטיגקייט". אין א צייט. ווען מיר באקומען אזוי ווייניג יושר אדער גערעכטיגקייט ביי איר. אבער דאס וויכטיגסטע אויף וואס מיר ווילען זיך דא אפשטעלען. איז אויפ׳ן פאקט. וואס דער מופטי האט. ווייזט אויס. קיין פאסיגערען טאג. ווי דעם 23־טען אויגוסט ניט געקאנט געפינען צו רופען א גענעראל־סטרייק.

די אידען אין ארץ ישראל שרעקען זיך שוין היינט גאנץ ווייניג פאר אן אראבישען גענעראל סטרייק וועלכעס ווערט גערופען פון דעם מופטי און פון זיין עקזעקוטיווע. ווייל זיי האבען גהאט עטליכע געלעגענהייטען פריער צו איבערצייגען זיך. אז דעם מופטי׳ס גענעראל־סטרייקס זענען ניט ווערט א שמעק טאבאק. בלויז עטליכע אראבישע געשעפטען זענען כלמרשט געשלאסען. בעת אין דער אמת׳ען זענען אפילו די דאזיגע עטליכע געצייל־טע צוגעמאכטע אראבישע געשעפטען. אויך גרייט צו האנדלען — אפילו מיט אידען. הינטער ארום. און וואס אנבאלאנגט ווענען די אראבישע ארבייטער. קומען זיי אין צייט צו דער ארבייט. פונקט אזוי ווי עס וואלט קיינמאל ניט ארויסגעגעבען געווארען קיין פראקלאמאציע פאר א גענעראל סטרייק.

דאס פארדריסליכע דערביי איז נאר. וואס דער מופטי האט אויסגעקליבען דעם יארצייט־טאג פון די אויגוסט־געשעענישען — דער טאג. וועלכער וועט פארשריבען ווערען אויף אייביג מיט שווארצע אותיות אין דער אידישער געשיכטע — אלס דעם פאסיגסטען טאג פאר זיין "מאכער רייקע" וואס ער רופט אן גענעראל־סטרייק. און וואס קיינער נעמט עס שוין היינט מער ניט ערנסט. זאל עס באדייטען אז דער דאזיגער טאג איז ביים מופטי אויך פון וועלכען עס איז נאציאנאלען ווערט. אדער צי איז ער אויסען מיט דעם בלויז צו פארבלענדען די אויגען פון דער ענגלישער רעגירונג?

דער דאזיגער טאג. וועלכער איז ביי די אידען א צווייטער "תשעה־באב". וועט געווים פארשוועכט ווערען. ווען דער בלוטיגער מופטי און זיין עקזעקוטיווע וועלען פון דעם דאזיגען טאג זוכען צו ציען נוצען פאר זיך. דער מופטי האט קיין שום מאראלישע רעכט ניט אויף דעם דאזיגען טרויעריגסטען טאג אין דער אידישער מארטירער־געשיכטע. און די פאלעסטינער רעגיערונג וואלט אים דאס געמענט לאזען וויסען מיט׳ן הארבען ווארט אידער עס ווערט צו שפעט.

פראנצויזישער שריפטשטעלער רודערט אויף אייראפא מיט זיין בוך וועגען דער אידישער לאגע

דער פראנצויזישער זשורנאליסט, אלבער לאנדר, דער „קעניג פון גרויסען רעפארטאזש", וועלכער האט אויפגעשטורעמט די וועלט מיט זיינע ביכער וועגען דעם ווייסען שקלאפען האנדעל אין זיד־אמעריקע, די ליידען פון די געפאנגענע אויפ׳ן טייוועל אינזעל און אנדערע ווערק, האט לעצטענס פארבראכט א שטיק צייט אין פארשידענע מזרח אייראפעאישע לענדער, וואו ער האט שטודירט די אידישע לאגע. און דעם רעזולטאט פון זיינע פארשונגען פארעפענטליכט אין א בוך, וואס ער האט אנגערופען „אויף די שפורען פון דעם אייביגען איד". מיט דעם ווערק האט דער מחבר אויפגעוועקט די עפענטליכע מיינונג, וועלכע איז ביז איצט ווייניג באקאנט געווען מיט די אידישע ליידען און־יסורים אין א גאנצער רייע לענדער פון מזרח אייראפא.

די בלעטער פון לאנדרס בוך זענען דורכגעווייקט פון טרערען, בלוט, טרויער און אומענשליכע ליידען. דער מחבר, וועלכער האט אין זיין לעבען זיך אנגעזעהן פיעל ארימקייט און מענשליכע יסורים, פארזיכערט, אז אזא גיהנום ווי דער, אין וועלכען עס לעבען די מזרח אייראפעאישע אידען, האט ער נאך ניט געזעהן. „וואו געפין איך זיך? — שרייט ער אויס — וואס פאר א לאנד איז דאס וואו איך בין איצט? ווער זענען די מענשען, וועלכע באהאלטען זייערע הענט אין די לאנגע ארבעל פון זייערע שווארצע קליידער? מיט וואס פארנעהמען זיך די דאזיגע שאטענס, וועלכע מען האט ווי סטראשידלעס, אוועקגעשטעלט אויף די ווינקלען גאסען?" און ער ענטפערט: „דאס זענען ניט גלאט קבצנים. דלות איז דא ניט קיין עקאנאמישע מדרגה. זי איז דאך א פועל יוצא פון א צוזאמענשטויס פון א סך כחות".

די ארימקייט פון דער אידישער באפעלקערונג איז אזוי גרויס, אז אין מאנכע ערטער פון די קארפאטען־בערג אין רומעניע, איז אפילו נישטא וואו און ביי וועמען צו בעטלען א נדבה, און כדי צו קריגען א נדבה, „מוזען די אויסגעהונגערטע און פארשמאכטע מענשען זיך וועקלאזען אויף א הונדערט וויארסט". אט שילדערט לאנדר א שטעדטעל אין די קארפאטען בערג, וואו די וואוינונגען באשטעהען פון האלב איינגעפאלענע באטקעס, אמת׳ע חורבות. אין איינער אזא חורבה וואוינט דער רב. דער רב איז נישטא אין דער היים. אין דער באטקע געפינט זיך די רבי׳צין, צוויי אויסגעמאגערטע ציגען, זיבען קינדער, צוויי פון זיי נאך גאר יונגע. די רבי׳צין ליגט אין בעט און ציטערט פון הונגער און קעלט. זי דערצעהלט איהם, אז דער רב אליין איז אוועק א ווייטען וועג, צו בעטען נדבות, און אויב ער קומט מארגען ניט צוריק אין צייט, וועט ניט זיין אפילו א שטיקעל טרוקענע חלה אויף שבת.

אין יעדער שטעדטעל האבען פרויען און קינדער באלאגערט לאנדר׳ס אויטאמאביל, מיינענדיג, אז ער איז א שליח, וואס האט זיי געבראכט הילף.

„די פרויען האבען אונז געשלעפט ביי די פאלעס — שרייבט לאנדר — געשריען און זיך באקלאגט אויף זייערע ליידען. זיי האבען אונז אריינגענומען אין זייערע דירות און אונז געוויזען א צולעכערטען זאק, שמוץ, פייער, פינף אדער זעקס קינדער, וועלכע האבען געציטערט פון הונגער און קעלט, קליינע מיידלאך, וואס וואקסען מעהר ניט, ווייל זיי האבען ניט מיט וואס זיך צו דערנעהרען; אידיאטען, וואס וואלגערען זיך אויפ׳ן שטרוי, און שרעקען מיט זייער פארקרימטען שמייכעל: קינדערלאך באר־וועסע אויפ׳ן אייז; איינער פון די מענער האט עטליכע מאל געפרואווט געהן אין שטאדט אריין, צו מאכען נאך א פארזוך עפעס צו פאדינען, אבער יעדען מאל איז ער געפאלען פון שוואכקייט. פון פארצווייפלונג איז ער שטום געווארען".

אט אזוי גיט לאנדר איין שילדערונג שרעקליכער פון דער אנדערער אין זיין בוך, ארויסגעבענדיג א ריזיגע גאלעריע פון מענשען, וואס האבען דורך הונגער און שרעק פארלוירען זייער מענשליכע צורה, קרבנות פון פאגראמען, עקאנאמישען חורבן און אונטערגאנג.

ניט אומזיסט האט זיין בוך אויפגערודערט אייראפא, און ער ווערט איצט איבערזעצט אין פיעלע שפראכען. אויך אין אידיש וועט ער ניכען ארויס.

צוויי יובילארען

פון נחמן מייזיל

ש. ל. ציטראן צו זיין 70־טען געבוירען טאג.

שמואל לייב ציטראן איז ערשט אלט געווארען 70 יאהר. — אזוי פרעגט מען זיך, ווען מען גיט זיך א דערמאהן, אז ער האט שוין צוריק מיט עטליכע און פופציג יאהר קארעספאנדירט און געווען בעפריינדעט מיט פרץ סמאלענסקי׳ן אין ווין (נאך אין די יאהרען 1875־1876) און האט נאך אין די זיבעציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט מיטגעארבייט אין ליקער "המגיד", און אין סמאלענסקינס "המביט", "השחר". ערשט זיבעציג יאהר איז אלט דער מאן, וואס נאך צוריק מיט א צוויי־דריי צעהנדליג יאהרען האט ער שוין פארעפענטליכט ארטיקלען, זכרונות, אפהאנדלונגען וועגען א דריי ליטערארישע דורות, מיט וועלכע ער איז אליין געווען געקניפט און געבונדען און מיט וועלכע ער האט אנגעהויבען זיין ליטערארישע קאריערע. ערשט זיבעציג יאהר, ווען עטליכע דורות זענען אדורך פאר זיינע אייגענע אויגען. דורות וואס זענען שוין לאנג אלטע, פארגאנגענע געשיכטע, וואס דער וועג צו זיי איז שוין לאנג פארוואקסען. —

שמואל לייב ציטראן איז שוין אלט זיבעציג יאהר — ווילען פרעגען און זיך חידושען די אלע, וואס קענען אט דעם לעבעדיגען, ענערגישען, גוטמוטיגען און יונגיטשקען ציטראן, וואס איז יונגער פון די יונגע און אין ענערגישער און פראדוקטיווער פון פיעל־פיעל זיינע קאלעגען וואס זענען געקומען אין דער ליטעראטור מיט עטליכע און צעהנדליג יאהרען שפעטער. נאך ביי היינט צו טאג איז ער דאך שמואל לייב ציטראן פון די אקטיווסטע שריפטשטעלער און איז אן אפטער גאסט אין די אידישע און העברעאישע צייטונגען, צייטשריפטען און זאמעלביכער, נאך היינט צו טאג איז ער אין ווילנא צווישען די לעבעדיגסטע, ענערגישסטע און מונטערסטע טוהער אין ליטעראטען פאראיין, אויף באנקעטען, אויף שמועסען און באגעגעניש, און אויך אין די ביבליאטעקען און ארכיוון פון דעם אידישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט און פון דער סטראשון ביבליאטעק.

צי ער איז ערשט אלט געווארען זיבעציג יאהר אדער ער איז שוין אלט געווארען זיבעציג יאהר, אבער א יובילייע האט ש. ל. ציטראן עהרליך און כשר פארדיענט.

שוין אזוי פיעל יאהרען און צעהנדליגער יאהרען, ווי ש. ל. ציטראן שרייבט מיט אזוי פיעל ליעבע, פיעטעט און הארציגקייט וועגען אלץ און אלעמען, שוין אזוי פיעל יאהרען, ווי ער ציהט ארויס פון דער פארגעסענהייט נעמען, צייטשריפטען, תקופות, ליטערארישע עפאכעס און עס איז ממש א חוב, און אן אנגענעהמער חוב, ווידמענען אויך איהם ליבע־ווערטער און דערמאנונגען צו זיין יובילייע, וואס עמיץ האט אויף איהם בינו לבינו אויפמערקזאם געמאכט.

ווען מען וויל אויסדערצעהלען וועגען דעם אלעם, וואס ש. ל. ציטראן האט געשריבען, און מען וויל געבען א פארשטעלונג פון זיינע ליטערארישע אויפטוהען און פארדינסטען, איז גענוג ברענגען א קורצע רשימה פון זיינע ווערק אין אידיש און אין העברעאיש, וואס זענען פארעפענטליכט געווארען אין פארשידענע צייטען. אבער די נעמען פון די ווערק זאגען נאר פאראלגעמיינטע סך־הכל׳ען פון ארטיקלען, מאנאגראפיעס, וואס זיי ענטהאלטען. אט למשל, זיינס א ווערק "דריי ליטערארישע דורות". אונטער אט דעם נאמען האט ש. ל. ציטראן געגעבען כאראקטעריסטיקעס און זכרונות אין פיער בענדער, וואס דערצעהלען אהן א שיעור זעהר אינטערעסאנטע פערזענליכע עראינערונגען וועגען א סך אידישע שריפטשטעלער און פערזענליכקייטען אין דער אידישער ליטעראטור און אין אידישען געזעלשאפטליכען לעבען פאר די לעצטע 50 יאהרען.

די אלע ארטיקלען וואס ש. ל. ציטראן האט דא פארעפענטליכט אין זיינע "דריי ליטערארישע דורות", זענען אינטערעסאנטע עפיזאדען, שטריכען, קוריאזען, מעשה־שהיה׳ס וועגען די שריפטשטעלער און טוהער, וועלכע האבען פארנומען א וויכטיגען ארט אין דער אידישער קולטור וועלט. אט די דערצעהלטע מעשות האבען א גרויס ווערט פאר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור און פון דער כאראקטעריסטיק פון די באטרעפענדע פערזענליכקייטען.

אמאל, מיט יאהרען צוריק, האט ש. ל. ציטראן אויך געשריבען ערצעהלונגען, שפעטער אויך געשריבען קריטישע ארטיקלען, גערעדט וועגען ריכטונגען אין דער העברעאישער און אויך אידישער ליטעראטור, געפיהרט פאלעמישע קאמפען אין דער פרעסע איבער פארשידענע געזעלשאפטליכע און ליטערארישע פראגען און פראבלעמען. אבער שוין א צייט מיט יאהרען, ווי ש. ל. ציטראן האט זיך אריינגעטאן אין דער געשיכטע פון דער אידישער און העברעאישער פרעסע, און זיך ספעציאליזירט אויף ביאגראפיעס־שילדערונגען פון פארשידענע טיפען וואס זענען געווען טעטיג אין דער אידישער פארגאנגענהייט. ש. ל. ציטראן האט געשאפען א קאלאסאלען מאטעריאל פון אט די געביטען, וואס איז פאנאנדערגעשפרייט אין זיינע הונדערטער ארטיקלען און גרעסערע אפהאנדלונגען אין דער אידישער פרעסע און אין דער העברעאישער פרעסע. נאר א קליינער טהייל פון אט דעם אפגעדרוקטען מאטעריאל איז צונויפגענומען דורך איהם אין א בוך־פארם.

אויסער די דערמאהנטע פיער בענדער "דריי ליטערארישע דורות", האט ש. ל. ציטראן צוריק מיט עטליכע יאהר ארויסגעגעבען "די געשיכטע פון דער אידישער פרעסע" (ווילנא 1923), וואו עס ווערען בעשריבען דער "קול מבשר", "די ווארשאווער יודישע צייטונג", דער "קול לעם", און "יודישעס פאלקס בלאט". עס איז אויך ערשינען זיינע צוויי בענדער "משומדים" (טיפען און סילועטען פונ׳ם נאהענטען עבר) און זייער המשך — צוויי בענדער "אוועק פון פאלק", וואו עס קומען אינטערעסאנטע שילדערונגען פון פארשידענע זעהר־טשיקאווע טיפען, וועלכע זענען צוליעב פארשידענע סיבות אוועק פון אידען און האבען דארט, אין דער נייער וועלט פארנומען פארשידענע הויכע פאסטענס. אין א גרויסען באנד "שתדלנים" האט ש. ל. ציטראן אויפגעלעבט א רייהע אידישע כלל טהוער. ער האט אויך פארעפענטליכט אין א בוך־פארם זיינע ארטיקלען איבער "בעריהמטע אידישע פרויען".

ווי געזאגט זענען אין די ביכער אריין נאר א טייל פון דעם, וואס ש. ל. ציטראנס פראדוקטיוו פעדער האט אין לויף פון צעהנדליגער יאהרען געשריבען.

אויך אין העברעאיש זענען ערשינען עטליכע גרעסערע ארבייטען פון ציטראנען אין בוך־פארם. מען דארף דא דערמאהנען זיין "לקסיקון ציוני", וואו עס זענען געגעבען קורצע ביאגראפיעס און כאראקטעריסטיקעס פון די ציוניסטישע טהוער (ווארשא 1924), "אנשים וספרים" (זכרונות און שטריכען פון די ערשטע יאהרען פון חיבת ציון און ציוניזם), "יוצרי הספרות העברית החדשה" (אפהאנדלונגען וועגען א רייהע עלטערע העברעאישע שריפטשטעלער), און נאך און נאך. זינט פיעל יאהרען פארעפענטליכט ש. ל. ציטראן א גרויסע מאנאגראפיע אין פיעל טיילען צו דער געשיכטע פון דער העברעאישער פרעסע (פיעל ארטיקלען זענען געדרוקט אין "העולם").

די 10 דערשינענע גרויסע בענדער אין אידיש און די עטליכע דערשינענע בענדער אין העברעאיש זענען נאר א קליינער טהייל פון דעם. וואס ש. ל. ציטראן האט פארטיג צום דרוק און וואס אט דער פרוכטבארער שריפטשטעלער און מעמואריסט פארעפענטליכט יאהר־יעהרליך ביז אויף היינטיגען טאג.

ש. ל. ציטראן האט א וואונדערבארען זכרון, ער בעשרייבט פרטים, קלייניגקייטען, וואס האבען זיך פאסירט מיט איהם און מיט די פריינדען, און וואס ער בעשרייבט, צוריק מיט 50-55 יאהר. אמת, אפטמאל געבערדעט ער צופיעל מיט זיין "זכרון", און פארלאזענדיג זיך אויפ׳ן זכרון גיט ער איבער ניט גאר קיין פינקטליכע איינצעלהייטען. אבער דאס זענען זעלטענהייטען.

מיט׳ן אמאל, און עס האט זיי געקאסט פיעל מיה און אנשטרענגונג איינצולעבען זיך אין דער וועלטליכער קולטור, אין די אוניווערסאלע ווערטען פון דער מענשהייט. טשערניכאווסקין אבער, וואס איז בעיקר ערצויגען געווארען אויף דער וועלטליכער קולטור, האט געקאסט פיעל מיה דאס דערנעהענטערען זיך צו אידישקייט, צו אידישע פראבלעמען און מאטיוון.

דאס איז אייגענטליך דער גייסטיגער

די לעצטע יאהרען פארנעהמט ער זיך פיעל מיט פארשונג פון די ערשטע מקורים. אויף אזא אופן האט ער פארעפענטליכט א רייהע מאנאגראפיעס וועגען פערזענליכקייטען און תקופות אין לעבען, אין דער אידישער פרעסע, אין די אידישע געזעלשאפטליכע שטרעמונגען. און אט די פארשונגס־ארבייטען האבען א גרויסען קולטור־היסטארישען ווערט. ביי היינט צו טאג איז אוממעגליך צוצוטרעטען צו וואסער עס איז ביאגראפישער ארבייט און ניט אנצוקומען צו די פאר־ארבייטען פון דעם געטריען בקיאישען ביאגראף און מעמואריסט ש. ל. ציטראן.

און דערצו איז זיין שרייבען לייכט, שפאנענד, זיינע ארטיקלען לייענען זיך ווי א ספור המעשה, דאס איז אלגעמיין א מעלה, הגם אפטמאל ווערט ציטראן אליין פארכאפט פון דעם ספור־המעשה און דערצעהלט, דערצעהלט, אין דער צייט, וואס מען דארף זיך גראד האלטען שטרענג ביי טרוקענע פאקטען.

זאל ער נאך לאנג לעבען און געזונד זיין, דער ליעבער און וואוילער ש. ל. ציטראן.

עס איז א צווייענדיגער יובילייע — דער זיבעציגסטער געבוירען־טאג און פופציג יאהר עהרליכער און געטרייע ארבייט אויף דעם אידישען ליטערארישען פעלד.

מען מעג איהם פראווען דעם יובילייע, ער האט איהם עהרליך און כשר פארדיענט.

שאול טשערניכאווסקי

(30 יאהר נאכ׳ן ערשיינען פון זיין ערשטען בוך לידער "חזיונות ומנגינות")

אין סאמע מיטען קאמף פון יהדות (אידישקייט) און אנושיות (וועלטליכקייט) אין דער העברעאישער ליטעראטור, אין סאמע מיטען געראנגעל געגען דער ירושה און לאסט פון דורות און עלטערען, איז געקומען שאול טשערניכאווסקי אין דער העברעאישער ליטעראטור, געקומען ווי פון יענער זייט פראנט, געקומען ווי פון אן אנדער וועלט.

זיין אינערליכער מהות, זיין סביבה זיין היים, זיין ערציהונג, דער עוצר פון ליעבע און וויסען, וואס ער האט פון זיין זוניגער, טאוורישער, דארפישער היים מיטגעבראכט, איז אזוי ניט עהנליך געווען צו די אינערליכע וועלטען, היימען און גייסטיגע און פיזישע אוצרות פון כמעט אלע אידישע דיכטער פון יענער און אויך פריהערדיגער צייט. און דעריבער איז ער און זיין געזאנג געווען צייטענלאנג אזוי פיעל ווייט און פרעמד.

"נטע זר את לעמך,
ציץ נכרי לכל"...

(א פרעמד געוויקס ביסטו פאר דיין פאלק, א פרעמד בליהונג פאר אלעמען).

ביי שאול טשערניכאווסקי דעם העברעאישען דיכטער איז געווען א מין פארקעהרטער פראצעס אין זיין איינלעבען זיך אין דעם אידישען לעבען, אין דעם אידישען שאפען, אין דער אידישער גייסטיגער וועלט. די אנדערע העברעאישע דיכטער, וואס זיינען געקומען דאן פון בית־המדרש, וואס זיינען געווען פארבונדען מיט די רצועות פון דער אלטער אמאליגער אידישקייט, האבען געהאלטען אין איין רייסען די פעדים, וואס פארבינדען זיי מיט׳ן

און שעפערישער וועג פון שאול טשערניכאווסקי און זיינע ווערק: פון פרעמדע געזאנגען צו אידישע, פון זייטיגע מאטיוון צו אייגענע, און אזוי אויך אין זיין העברעאישער שפראך און זיין סטיל. לכתחילה האבען זיי געהאט אין זיך א פרעמדען טעם, א פרעמדען כאראקטער, און מיט דער צייט ווערען זיי אלץ מעהר אידישער, און ציהען אריין אין זיך אלץ מעהר אידישע קנייטשען און אידישע ניואנסען.

און אט דאס פרעמדקייט, נייקייט, זייטיגקייט, איז געווען דאס וויכטיגסטע, גרויסע וואס טשערניכאווסקי האט אריינגעבראכט אין דער העברעאישער דיכטונג. אן ארגאנישע נאטירליכע צוגעבונדענקייט צום לעבען, א געזונטע פארווארצעלטע ליעבע און פארהערליכונג פון זון, גבורה, נאטור, לעבען. "עין השמש הם החיים, והחיים אהבה הם" (דאס אויג פון דער זון איז דאס לעבען, און דאס לעבען איז ליעבע), — האט דער דיכטער אמאל אויסגערופען, — און ניט דורות־טראדיציע, ניט הייליגע אידישע ספרים האבען איהם געשפייזט און געקרעפטיגט. נאר קלאסישע, ארישע ווערק האבען איהם אויפגעצויגען.

און דעריבער, ווען ביאליק האט זיך ארויסגעלאזט אין דעם ים־התלמוד און געצויגען פון זיינע טיפענישען די תלמודישע פערעל־אגדות, האט טשערניכאווסקי זיך פארנומען מיט איבערדיכטען אין העברעאיש דעם אינדישען עפאס פון לאנגפעלאס "דאס ליעד פון הייאוואטע", דעם פינישען "קאליוואלא", די גריכישע "אדיסייע" און "איליאדעס".

שאול טשערניכאווסקי איז געבוירען אין יאהר 1875 אין דארף מיכאילאווקא, טאווערישער גובערניע, אויפגעצויגען געווארען אין א וועלטליך־אינטעליגענטער אידישער פאמיליע. אין דער שויס פון דער דרום׳דיגער, זוניגער־קרימישער ערד. ער האט געהאט היינטצייטיגע לעהרער. פון דער יוגענד אן געליינט וועלטליכע ביכער. דערנאך באזוכט אין אדעס א ריאל־שולע, שפעטער אריינגעטראטען אין דער היידעלבערגער אוניווערסיטעט. געלעבט אין לאוזאנא און אריבערגעפאהרען פון דארט קיין רוסלאנד, וואו ער איז געווען לכתחילה א זעמסקי דאקטאר, געלעבט אין רוסישע דערפער, שפעטער אין גראדנא, קיעוו, פעטערבורג, און בעת דער וועלט מלחמה געווארען מאבילעזירט ווי א מיליטער דאקטאר און געארבייט אין א מיליטערישען שפיטאל אין א מינסקער "פראוואסלאווישען" מאנאסטיר, און נאך דער רעוואלוציע און בירגער־קריעג איז ער אריבערגעפאהרען אין בערלין.

שוין אט די קורצע ביאגראפיע־שטריכען פון דעם דיכטער ווייזען די אייגענארטיגקייט פון זיין ניט אידיש לעבען. און אזוי אויך "ניט אידיש" זעהט אויס אין פלוג זיין דיכטונג. דאס רוב פון זיינע לידער, איבערהויפט פון די ערשטע תקופות אין זיין שאפען, האבען פרעמדע, אלגעמיין מענשליכע, ניט ספעציפיש־אידישע סיושעטען. "חיים חפצתי ואור" (לעבען באגעהר איך און ליכט), זאגט אין א ליעד דער דיכטער.

אבער מיט דער צייט וואקסט זיך טשערניכאווסקי אלץ מעהר אריין אין דער אידישער וועלט, און אידישע מאטיוון וואקסען זיך אלץ מעהר אריין אין זיין דיכטונג. אונטער דעם איינדרוק פון די אידישע פאגראמען שרייבט ער אן זיין באוואוסטע פאעמא "ברוך ממגנצה", וואו עס קומט צום אויסדרוק שארפער אגרישער פראטעסט און בייזער האס. דערנאך קומען טשערניכאווסקיס וואונדערבארע אידיליעס פון דעם פשוט׳ען, געזונטען און פאלקסטימליכען לעבען פון די טאורישע אידען "לביבות מבושלות", "ברית מילה", "בערעלע חולה", "מעשה במרדכי בן חיים", "כחום היום", און די לעצטע פון זיינע אידיליעס "חתונתה של אלקה". אין אט די אלע אידיליעס באוויזט זיך דער פולבלוטיגער, פארבענרייכער אידישער דיכטער, וועלכער שעפט פולע הויפענס ליכט און לעבען פון א אידיש פאלקס־לעבען, וואס איז אזוי געזונט און פריש, און אומבאריהרט, ווי די ארומיגע זוניגע נאטור, ארום וועלכער דער דיכטער האט געלעבט.

די אידיליע "חתונתה של אלקה" איז צוריק מיט עטליכע יאהר איבערגעזעצט געווארען אין רוסיש דורך דעם באוואוסטען רוסישען דיכטער וו. כאדאסעוויטש און ערשינען אין אן אנגעזעהענער רוסישער צייטשריפט. עס איז באמת א וואונדער, פארוואס קיינער פון די אידישע דיכטער טרעט ניט צו איבערצוזעצען די וואונדערבארע טשערניכאווסקי־אידיליעס אין אידיש. אזא רייכער אייגנארטיגער אידישער עפאס ליגט דאך אין זיי באהאלטען!

שאול טשערניכאווסקי איז איצט אלט 55 יאהר. זינט ער האט פארעפענטליכט זיין ערשטע ליעד "בחלומי" (אין "הפסגה" 1092) איז שוין אוועק 38 יאהר. אבער עד־היום איז טשערניכאווסקי אין דער העברעאישער דיכטונג דער יונגער, וואס קען איבעראשען מיט נייע טענער, מיט נייע מאטיוון און מיט א נייעם פארנעהם.

צו דער טאראנטאר אידישער יוגענט

ווען א פאלק שטעהט אויף, ווען א לאנד ווערט געבויט, ווען א יוגענט לעבט מיט אן אידעאל, איז קיין כח ניט פאראן אויף דער וועלט, וואס וועט שטערען די יוגענט, ניט דערלאזען אהיים פאר איהר פאלק צו בויען.

עס איז ניט פאראן קיין כח אויף דער וועלט, וואס זאל צווינגען אונזער פאלק צו פארגעסען וועגען ארץ ישראל. עס איז ניט פאראן דער כח וואס זאל ניט צולאזען אונזער יוגענט א אידישע מלוכה אין ארץ ישראל פאר זיך צו שאפען. פארשיעדען זענען די אויפגאבען, וואס יעדער האט צו לעזען אין צוזאמענהאנג מיט׳ן אויפבוי. איין ציעל דארף אונז אבער פאראייניגען, איין פאהן דארף פאר אונז פלאטערען און איין אידעאל מוז אונז פיהרען.

ארץ ישראל — פאר׳ן פאלק ישראל.

מיר, שוועסטער און ברידער פון בית"ר, נאכפאלגער פון יוסף הגלילי, האבען דאס פשוט׳סטע אויף אונזער פאהן געשריבען, דעם קירצעסטען וועג געוויילט, אהן פשרות און טיפזיניגע אויסטייטשונגען. פארשטעהען מיר דעם ציוניסטישען געדאנק. מיר זאגען: דאס אידישע פאלק מוז און וועט בויען ארץ ישראל אלס אידישע מלוכה אויף ביידע זייטען פון ירדן.

און דערמיט שוין שטעלען מיר זיך פאלשטענדיג אין רשות פון פאלק. מיר שטרעבען צו זיין דער אוואנגארד, און וועלען בלי ספק אלץ טאן, כדי דאס צו פארווירקליכען.

א שווערע אויפגאבע, באזונדערס אין די ערשטע צייטען. מיר זענען נאך יונג, מען "פעלשט" אונז, מען פארשפרייט וועגען אונז פארשידענע בלבולים. אבער דאס קען ניט און וועט אונז ניט שטערען. מיר וואקסען פון טאג צו טאג. נייע גרופען קומען צו, אין די אלטע שוין עקזיסטירענדע גרופען, טרעטען אריין יעדען טאג נייע שוועסטער און ברידער. מיר זענען פעסט איבערצייגט אז מיר זענען די יוגענט באוועגונג וועלכע איז ניט אוועק פון ציוניסטישען וועג.

צוזאמען מיט דער פארגרעסערונג פון דער צאהל מיטגליעדער און גרופען, פארטיעפט זיך אונזער געדאנק אין אונזערע רייען. יעדער בן־ביתר ווייסט היינט אז עס איז ווייניג צו זאגען: איך בין א איד, א ציוניסט, מען דארף צו דעם רעכט האבען, און רעכט האט נאר דער יעניגער, וואס ווייס וואס הייסט א ציוניסט, קען דעם ציוניזם, קען די אידישע געשיכטע, קען אונזער ליטעראטור.

דעם ציוניזם מוז מען פיהלען, מיט־לעבען.

די פראגראם פון ברית תרומפולדור (בית"ר) מוז מען קענען, מ׳דארף זיך אין בי"תר איינלעבען און מיט די אחים צוזאמענלעבען.

אין נאמען פון מפקדת ברית תרומפולדור, טורונטו, קנדה.
מזכיר הקן: יעקב טשעלסקי.



מאטרימאניע

(א וויסענשאפטליכע לעקציע וואס ווארימט די ווייבער און קיהלט אפ די מענער.)

פון א. ז.

וואס פאר א וויסענשאפט איז מאטרימאניע? מיט וואס פאר אנדערע וויסענשאפטען איז די מאטרימאניע פארוואנדט? איידער מיר וועלען ענטפערען אויף דער ערשטער פראגע וועלען מיר פריהער ענטפערען אויף דער צווייטער, ווארים די ערשטע פראגע וועט זיך שוין פון זיך אליין ענטפערען.

מאטרימאניע איז זעהר א נאהענטע קרובה פון אסטראנאמיע, גאסטראנאמיע און אלימאניע...

אסטראנאמיע און גאסטראנאמיע קאן מען זאגען, זענען די פאטער און מוטער פון מאטרימאניע. אלימאניע איז די מאדערנע טאכטער פון מאטרימאניע...

מאטרימאניע, ווי איהר זעהט, איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי לאטיינישע ווערטער: "מאטרא" און "מאני", מוטער און געלט . . .

דאס מיינט, אז יעדע מיידעל וויל ווערען א מוטער, און יעדע ווייבעל וויל די "פעידע"...

מאטרימאניע ווערט געטיילט אין דריי קאטעגאריעס: ליעבע, הייראט, און גט.

די אטריבוטען פון דער ליעבע זענען: פאעזיע, טרוימעריי, לבנה, שטערען, בלומען, פערפיומען, פרעזענטען, ליעבעס־בריעף, בענקעניש, שלאפלאזע נעכט, אייז קרימס, פארקס, מאוווים, טעקסים, זיך האלובען, קושען זיך, זיצען אליין אין בושעס, אונטער בוימער.

די רעזולטאטען פון דער ליעבע זענען: נייע ליבעס, צובראכענע הערצער, געוועהנליך ענדיגט זיך די ליעבע מיט הייראט.

אין פאל פון א צובראכען הארץ קלאגט דער גאט פון הייראט דעם גאט פון ליעבע אין קאורט אויף א ברישט אוו פראמים. געפאדערט ווערט געוועהנליך געלט אדער הייראט.

אויב א הארץ וואס איז פון דער ליעבע צובראכען געווארען קאן געהיילט ווערען פון עטליכע דאלאר אדער דורך א מערידזש לייסענס, איז דאס הארץ ענטוועדער ניט צובראכען געווארען אדער דאס וואס איז צובראכען געווארען איז קיין הארץ ניט געווען . . .

די הייראט האט שוין גאר אנדערע אטריבוטען...

א שדכן, נדן, ענגיידזשמענט רינג, א וועדינג רינג, א חופה, מחותנים, אונטערפירער, כלי־זמר, חתונה מתנות, א רעווערנד, א האנימון, א הויז, פורניטשור, געשיר, קוילען בילס, טראבעל, א בייבי קערידזש, א בייבי גרענד און א גרענד בייבי.... עקס־לאקס, ביטער זאלץ, דאקטאר בילס, סלעק, קריגעריען, זיך רייסען ביי די נעזער, פאהרען אין קאנטרי...

דער גט האט גאר ווייניג אטריבוטען. דער גט איז דער ערלייזער, ער באפרייט פון די הייראטס־קייטען. אמאל דארף מען צאלען אלימאני פאר דער באפרייאונג און אמאל ניט. די קלוגע ליבען זיך ווידער איין באלד ווי זיי גט'ען זיך, די נאראנים האבען באלד חתונה...

דריי באווייזען

לערער: — משה'לע, ברענג מיר דריי באווייזען, אז די ערד איז קיילעכדיג.

שילער: — ערשטענס שטעהט עס אין דער געאגראפיע, חוץ דעם האט איהר דאס געזאגט. און מיין טאטע זאגט עס אויך.

באקאנטמאכונג צו טאראנטאר אידען

— פון —

לאזארס „אלד ספעין" האל

דער שענסטער און גרעסטער אידישער רעסטאראן אין טאראנטא איז א וואונדערבאר פלאץ מיט אלע באקוועמליכקייטען פאר חתונות, בר מצוה'ס, פארטים און באנקעטען.

אלעס איז ביי אונז סטריקטלי כשר, אפילו פאר די פרומסטע אידען. די קיך איז אונטער דער פערזענליכער אויפזיכט פון דער גוט באקאנטער מרס. לעווינסאן, אויך אונטער דער השגחה פונ'ם גוט באקאנטען משגיח

מר. שמואל יארמולאוויטש

קומט אונז זעהן וועגען אייערע קומענדע אראנדזשמענטס פאר אייערע אונטערנעמונגען.

לאזארס „אלד ספעין"

180 — 178 קווין סט. וועסט. טעלעפאן עלגין 0700.

איך באשטעטיג, אז אלע מאכלים, וועלכע ווערען צוגעגרייט און געקאכט אין "לאזארס אלד ספעין האל", זענען אונטער מיין פערזענליכער השגחה. איך געפין זיך אין קיך ביים כשר מאכען און קאכען, דאריבער קאנען אפילו די פרומסטע אידען מיט א ריינעם געוויסען און מיט א זיכערקייט פון כשרות עסען די געשמאקסטע מאכלים וואס ווערען אין דעם אויבענדערמאנטען האל צוגעגרייט.

מיט אכטונג,

שמואל יארמולאוויטש.

שפריצען

פון יהושע זינגער

א מאן האט ארײנגעשטעלט פאלגענדע אדווערטייזמענט:

"מיין פרוי האט נעכטען געקויפט 2 פונט פלייש. ווען מען האט עס אין שטוב אפגעוואויגען, האט געפעהלט א גאנצער האלבער פונט. און אויב דער בוטשער וועט ניט זיין אזוי גוט און אפשיקען דעם האלב פונט פלייש, וועלען מיר ארײנשטעלען זיין נאמען אין פייפער".

די אדווערטייזמענט האט געבראכט רעזולטאטס.

דורכ'ן טאג האבען צוועלף פארשידענע בוטשערס איהם ארײנגעשיקט צו האלב פונט פלייש.

* * *

איך בין געזעסען אויפ'ן ווארענדא ביי א ברודער פון מיין סאסייטי, און מיר האבען גערעדט. דערווייל קומט אן זיין זעקס יאהריגער באיטשיק, ווילי, מיט א געוויין, אז דער בויך טוט איהם וועה.

זאגט איהם די מוטער, דאס איז ווייל דיין "בויך איז ליידיג, עס איז גארנישט ניטא אינווענינ, דו האסט ניט געוואלט עסען.

אביסעל שפעטער געהט פארביי דער ברודער פרעזידענט פון אונזער סאסייטי, באגריסט אונז, און זאגט אז דער קאפ טוט איהם שרעקליך וועה.

"דאס איז ווייל אייער קאפ איז ליידיג," זאגט צו איהם ווילי, "עס איז גארנישט ניטא אינסייד!"

* * *

איך געה זיך מופען אין אן אנדער געגענד, איך וויל וואוינען צווישען בעסערע שכנים, — דערצעהלט מיר דער איד פון מיין נעקסט־דאר.

"זעהר שעהן!" זאג איך. "איך וויל אויך וואוינען צווישען בעסערע שכנים".

"וואס, איהר מופט זיך אויך?"

"ניין, איך בלייב דא!"

* * *

זיי זיינען געזעסען ביידע אין א מאווי.

זאגט זי צו איהם:

"דו זעהסט, ווי שעהן ער ערקלעהרט זיך אין ליעבע, פארוואס האסטו צו מיר אזוי ניט געטאן?"

ער: "יעס, אבער ווייסטו וואס פאר א סאלארי ער קריגט א וואך, ווייל ער טוט אזוי!"

* * *

"פארוואס עסטו אין א רעסטאראנט? קען דיין פרוי ניט קאכען?"

"זי קען, נאר זי וויל ניט! און פארוואס עסטו דא?"

"מיינע קאכט, נאר זי קען ניט!"

* * *

"אייער זוהן ווערט אנגעקלאגט אין גנב'ענען, וואס האט איהר עפעס וואס צו זאגען א גוט ווארט וועגען איהם?"

"וועל, איך בין צופרידען, דאס צו לעצט האט ער דאך אנגעהויבען עפעס טאן, אום צו מאכען פאר זיך אליין א לעבען!"

* * *

דער פארמער איז געקומען מיט א טראק, נעהמען מיין שכנה צו זיין פארם גיט ער ביי איהר א פרעג:

"מיסעס, איהר געהט פאלשע ציייהן?"

"היי, מיסטער!" גיט מיין שכנה א געשריי, "בעהייווט זיך!"

"איך פרעג עס גאנץ ערנסט", זאגט דער פארמער, "איהר פארשטעהט, די ראוד צו מיין פארם איז זעהר א שלעכטע, און אויב איהר האט פאלשע צייהן, וואס האלטען זיך ניט שטארק, איז בעסער נעהמט זיי ארויס פון מויל און לייגט זיי ארײן אין פאקעט."

* * *

"איך קען מיט דיר ניט חתונה האבען, ווייל אונזער גאנצע פאמיליע איז געגען דיר."

"יעס, די פאמיליע, אבער וואס זאגסטו אליין, טייערע..."

"איך זאג דאך דיר, אז די ג א נ צ ע פאמיליע איז געגען דיר!"

* * *

א רעפארטער האט געקראגען א נאטיס: אז זיינע באריכטען זאלען זיין קורץ, פון איין ווארט זאל מען קענען פארשטעהן צעהן.

אויף מארגען האט ער געבראכט אזא רעפארט:

"פיליפ קאץ, דרעס מאנופעקטשורער. האט אנגעצונדען א מעטש צו זעהן אויב עס איז דא גאזאלין אין מאטאר. גאזאלין איז געווען. אלט צוויי און פופציג יאהר, לאזט א פרוי מיט דריי קינדער'.

* * *

איך בין געווען ביי א לעקטשור, וואו מען האט גערעדט איבער שלום־עליכם'ען. פרעגט מיר א מיידעל, וואס איז געזעסען נעבען מיר:

"קען איך אפשר דעם מיסטער שלום עליכם, איינלאדען צו מיר אהיים, און איהם פארשטעלען פאר מיינע עלטערען?"

"עס טוט מיר זעהר לייד, פריילין, מיסטער שלום עליכם האט אפגעטאן אזא זאך, וואס מאכט אוממעגליך איהם צו קומען אין געזעלשאפט."

"וואס האט ער אזוי געטאן?"

"ער איז געשטארבען!"

אן אויטאמאביל טרוים אין גראמען

פון אבעלע

נעכטען זיץ איך
אין אויטאמאביל
ברייט צושפרייט
אין דער מאשין,
און איך טרוים
פון דיר, געליבטע,
דו מיין שעהנסטע
פון פרויען־מין
און איך טראכט
און טרוים, געליבטע,
און מיר דוכט
איך זעה דיך שטעהן
לעבען מיר,
מיט דיין ליעבען,
זיסען שמייכעל,
און עס לייכטען
דיינע אויגען,
און עס שיינען
דיינע ציין,
זיץ איך,
אזוי זיך
א פארטרוימטער
קומט א ליידי
צו מיר צו,
כאפ איך קושען
און זי האלזען
כ'האב געמיינט
אז זי ביסטו.
פון מיין קושען
איז מיין שוויגער
גאר געווארען
שטארק ענטציקט,
מיך געכאפט
אין איהרע ארימס,
און מיט פייער
מיך געדריקט . . .
זי האט געמיינט
איך בין איהר שיק . . .

גאר קיין וואונדער ניט!

ריכטער: — רעדט נישט פיעל, די לעצטע ווערטער אייערע וואס איז?

באשולדיגער: — איך וואלט וועלען איהר זאלט זיין אויף מיין שטעלע און איך אויף אייערע.

דער לץ זאגט

פאראן זינד, וועלכע א פרוי קען מיט תעניתים נישט אפקומען.

* * *

דאס וואס נישט איין פאר פאלג שפילט א "קאמעדיע" דערפיהרט צו די גרעסטע "טראגעדיעס".

* * *

א מאן דערנעהענטערט זיך צו א פרוי צוליעב דעם פנים — א פרוי צו א מאן צוליעב דער קעשענע . . .

* * *

מאנכע מענער, ווען זיי ווילען, אז א פרוי זאל פאלען, לייגען זיי איהר אין וועג שטיינער (דימענטען)...

* * *

מאן און ווייב קריגען זיך אזוי לאנג ביז זיי קריגען זיך ליעב.

* * *

א פרוי איז ווי א קאטאר: ביידע איז לייכט צו באקומען און שווער — פטור צו ווערען...

* * *

ווער עס פאלט ארײן אין א גרוב און ווער אין א חן־גריבעל...

* * *

די וואס קענען ניט פאסטען א תענית, קענען זיך ווענדען צו מיין ווייב, זי פארקירצט די טעג...

* * *

א דענטיסט זוכט אין מויל, א פילאזאף — אין ביכער און א ווייב — אין מאנ'ס קעשענעס...

* * *

ס'זענען דא פרויען, וואס זענען גלייך צו דער זון — מ'קאן נישט קוקען אין זייער פנים אריין.

* * *

אנדערע פרויען זענען געגליכען צו דער לבנה — שלעפען זיך ארום גאנצע נעכט.

* * *

דער מענש, וואס וויל האבען אין לעבען ברכה, טאר זיך ניט פארלאזען בלויז אויף דער הצלחה.

* * *

דער ערגסטער שטאך איז פאר א מענשען, ווען ער מוז לאנג ארומגיין אן א שטאך ארבייט...

* * *

א כלב קושט אן אייגענעם, און בייסט א פרעמדען. א מאדערנע פרוטוט פארקערט: זי קושט א פרעמדע און בייסט דעם אייגענעם — מאן.

* * *

פייער לעשט מען מיט וואסער, פייערדיגע ליבע — מיט א כתובה.

* * *

האט מען גליק — האט מען ליעב צו דערציילען; האט מען אומגליק — האט מען ליעב זיך מיט יענעם צו טיילען . . .

* * *

מיר גיבען אפ כבוד ניט דעם, וואס פארדינט, נאר דעם, ביי וועמען מען פארדינט.

* * *

ווילסטו מען זאל דיך האלטען פאר א חכם — נאר אפ יענעם; ווילסטו מען זאל דיך האלטען פאר אן ערליכען — לאז זיך פון יענעם אפנארען.

* * *

צוליעב איין פונק אידישקייט לייבען אידען געברענטע צרות.

* * *

עס איז גרינגער ארויסצופירען א פרוי פון נעדולד, ווי פון דער מאדיסטקע.

* * *

פאראן פרויען, וואס קלייבען לייננער א הוט, ווי א מאן.

די מאדערנע פאמיליע

ברויט מיט הערינג עסט דער טאטע,
און די מאמע קאמפאט בלויז,
און די טאכטער, נעבאך הונגערט,
ס'איז א הונגעריגע הויז.

ראסעל פלייש, און יוך מיט לאקשען
וואלטען זיי געקייט ווי פערד,
נאר די מארע הייסט ניט עסען,
ווייל מען דארף זיין אפגעצערט.

ציטערען זיי אלע טאקע,
איבער יעדען ביסען ברויט
אלע הונגערען איצט אונטער
ווער אויס מאדע, ווער אויס נויט.

"מיין זומער היים"

(במקום פעליעטאן)

פון אברהמ'ל.

דאקטוירים האבען מיר פארזאגט,
עם מה אויסצושפאנען
פון ציטונגס־וואגען אויף א וואך
און אפפאהרען פון דאנען.

אויף דער "נאטור" דער רוהיגער,
וואו זומער־היימען גרינע
זיך שפיגלען אין די כוואליעס שטאלץ
ווי ס'רוהט אויף זיי די שכינה...

און אין דער אטמאספערע פון
דעם שטילען וואלד און גראזען,
די מידקייט וועל איך און דעם שוויים
פון שאפונג איבערלאזען.

שוין אפגעזעהן, וואס איך וועל דארט
אין איינזאמקייט דער פרייער
זיך ראטעווען פון נודניקעס,
אזוי ווי פון א פייער.

און פון די לעקטשורס זייערע
און הייסע זומער בעלער,
און פון די יונגע דיכטער'ס ווערק, —
ווי פון א לונג־פעהלער...

זיך איינגעפאקט און אפגערייזט
מיט פרייד, ווי צו א טענצעל,
א ביידינג סוט און ביכער בלויז
ארײנגעקוועטשט אין רענצעל.

עס פליהט די באן. איך חלום שוין
פון איינזאמע פארנאכטען,
און פון דער וואלד־ליפט דופטיגער,
פאר מיין געמיט פארשמאכטען.

אין אווענט שפעט האט מיך געבראכט
די טריין צום ציעל געגארטען,
וואו גליק און רוה אין דער נאטור'ס
נעלענער מיך דערווארטען.

א מיעדער לייג איך שלאפען זיך
אין זומער־היים אין "שטילען",
און מארגען פרי וועט — דענק איך — מיין
וואקיישאן זיך דערפיהלען...

דאך האב אדיך שוין אין בעט דערפיהלט
אז שלאפען וועל איך מארגען,
ווייל די מאסקיטאס וועלען מיר
די נאכט פארשאפען זארגען.

און אויף מיין מזל האבען זיי
עשלאסען יר־אחת
מיט וואנצען, אז איך זאל די נאכט
געניסען נאך מעהר נחת...

איך פיהל, איך בין שוין ניט אליין,
ווייל טומלדיגע ספארטען
אין צווייטען צימער מיט א גוואלד
פארמעסטען זיך אין קארטען...

און פון דער רעכטער זייט, — איך הער
א הייזעריגע "כלי"
פארוויגען זוכט מיד מוטערליך
און זעצט מיט "אלי־אלי"...

און אויבען־איבער מיין געצעלט
זיך טרייסעלט אוש די סטעליע
פון טריט און קלעפ און דונערען,
ווי פויקען — א קאפעליע...

איך הער זיך איין מיט ציטערניש
דארט רייסען זיך ווי חיות
א מיליטאנטישע פאר־פאלק,
וואס פייפט אויף שלום־בית...

ארײנגעפאלען! — טראכט איך זיך
איך וועל די נאכט ניט שלאפען...
נאר וואס איז דאס? א זומער־היים,
צי גאר דער קאלטער צפון?

פון סטעליע רינט ארײן אין בעט
א שטראם, ווי פון פעסעל...
האט אויסגעקעהרט א טאפ דארט אויף
זיין ווייב דער בעל־הבית'ל?....

און די אינסעקטען האבען זיך,
צו ראטעווען פון "מבול",
גענומען יאגען אויף מיר, ווי
פארפאלגט פון א מחבל...

און אויפ'ן וועג פארזוכען זיי
צו־פוסען און צו־קאפען
פון מיין ערשט־אויפגעקאכטען בלוט
פאר דורשט — א פרישען טראפען.

און אונטער מיין פארלאגע ווערט
נאך פרייליכער, ווי אויבען,
פון טאנץ נעהמט ציטערען די ערד,
עס קרעכצען אוש די שויבען...

לכבוד "אינדיפענדענט דעי"
דארט קלאפט א דושעז־אר־עסטער

די טופעריי און קוויטשעריי
ווערט וואס א רגע פעסטער...

און טאמער דאס איז ניט גענוג
פאר מיינע מארך און לונגען,
א קאץ צו גאסט אין פענסטער איז
צו מיר ארײנגעשפרונגען.

ווי א פארליעבטע, האט זי זיך
צו מיר באלד צוגעטוליעט,
זי קען ניט איינשלאפען געוויס
דארט, וואו דער עולם הוליעט...

הכלל, איך האב געפייניגט זיך,
ביז עס איז טאג געווארען,
און האב דעם אויפגעוועקטען "באס"
פארשאלטען זיינע יאהרען.

איך האב פאר מיין "האטעל" באצאלט
מיט דינגעניש א דרייער,
און בין פון זיסען זומער־היים
אנטלאפען ווי פון פייער...

ווייל אויב די נעכט דארטען זענען
אזוי "שטיל" און העכסט געמיטליך,
דאן דארפען זיין די "גרינע טעג"
גאר גוואלדיג אפעטיטליך!

צו ענד איז מיין "וואקיישאן" שוין,
און איך ניט ווינש קיין שונא,
קיין "זומער־היימען" גליקליכע
און רוהיגע אזוינע!

פלוימען

כ'פיהל זיך ניט געזונט.
עס שטעכט מיר אין א זייט —
בין איך אוועק צום דאקטאר,
וואס וואוינט פון מיר ניט ווייט.
האט דער דאקטאר מיט זיינע פינגער
געקלאפט מיר איבער מיין פליעצע,
נאך א לאנגען באטראכטען
הקאט ער מיר געגעבען אן עצה:
כ'זאל קיין פלייש ניט עסען
און קיין שנאפס ניט טרינקען,
נאר אז איך זעה א שעהנע מיידעל
מעג איך צו איהר ווינקען.
אז איך זעה א שעהנע ווייבעל,
אויב זי איז א גע'גט'ע —
מעג איך מיט איהר פארברייננגען,
דארף נאר ניט בלייבען קיין בארעדטע.
און דאס, וואס ס'איז ניט דערגרייכבאר,
דערפון זאל איך ניט טרוימען,
נוצליך וואלט געווען פאר מיין געזונט,
כ'זאל עסען יונגע פלוימען.
אזוי ווי ס'איז נאך ניט די צייט
יונגע פלוימען צו קריגען —
איז ביז עס וועט נאך אויסוואקסען
זוך איך אן אנדער פארגעניגען.
כ'זוך א שעהנע מיידעל
איהר פאמיליע זאל הייסען פ ל ו ים,
מיט איהר וואלט מיר געווען לייכטער
צו ווארטען
אויף די פלוימען, וואס וואקסען
אויפ'ן בוים.

קשיות

דו פרעגסט, מיין קינד,
וואס לעבען איז?
נו, לאמיר דיר
דערציילען:
לעבען איז
א קריינק אזא,
פון וואס דער טויט
קאן היילען.

דאך דו, מיין קינד,
פארגעס אין דעם!
דו לערן זיך
געדיינקען,
אז איידער זיין
געהיילט פון טויט,
איז גלייכער, קינד מיינס,
קריינקען.

דו פרעגסט, מיין קינד,
וואס ליבע איז?
דו מוזט עס,
הייסט עס, וויסען?
טא וויים, אז ליעבע,
איז גענוס,
און ליבען, הייסט,
— געניסען?

דאך פאר דער וועלט
די אויגען גלאנץ
און מאך
א פרומע מינע,
פארשטעה איר
אלס א געטליכקייט,
אלס שוועסטער
פון דער שכינה.

וואס איז אזוינס
א פילאנטראפ,
וואס אלע מענשען
לויבען,
און ווערט טאג־טעגליך
העכער אלץ
אין הימלען הויך
געהויבען.

דאס איז א מענש
וואס האט איין ציעל
און איין פרינציפ
אין לעבען:
צו נעמען, ווען
עס לאזט זיך "פיעל"
און בלויז א "טראפען"
געבען . . .

וואלקען

וואלקענס פיקעטען דעם הימעל,
מאכען אנשטעל אויף א סטרייק
און די זון פון צווישען די וואלקענס
שטעלט ארויס דער וועלט א פייג.

די בוימער פלוידערען, האקען א טשייניק,
א בארג האלט א כמארע אין שויס,
א האן דעקלאמירט "קוקעריקו",
און א פייגעלע פייפט איהם אויס.

שוואלבען פאטשען זיך אין הינטען,
טאנצען דעם "בלעק־באטאם" טאנץ
און דער ווינט, ווי מיט א קעמעל
זוכט אין קאפ ביי יעדער פלאנץ.

דער האנדעל אין פוילען

— וואס הערט זיך?

— אט אזוי — מ'האנדעלט.

— מיט וואס האנדעלסטו?

— אז מיין ווייב הייסט זיך געבען 5 גילדען אויף מיטאג האנדעל איך אראפ צוויי גילדען. הייסט זי זיך געבען 3 גילדען אויף אווענט־ברויט, האנדעל איך אראפ א גילדען — אט אזוי האנדעלט זיך.

אונריינע בלוט

קומט פון אונריינעם מאגען

ווייל די אונריינע שטאפען, וואס קומען פון מאגען פארשטאפונגט, פארשפרייטען זיך איבער'ן גאנצען קערפער און פארגיפטען דאס בלוט.

עקס-לאקס

(EX-LAX) אין ענגליש

דער קענדי אבפיהר־מיטעל

שאפט אפ די אונריינע שטאפען. עס גיט אייך א ריינעם מאגען, ריינע בלוט, גוטען אפעטיט און רוהיגען שלאף — אלעס וואס מאכט א מענשען גליקליך.

האלט אימער א באקס עקס־לאקס אין הויז. עס איז גוט פאר גרויס און קליין.

עקס־לאקס קומט אין פארם פון "טשאקאלאט" און "פיגפלייוואר (פייגען).

אין אלע דראג סטארס.

פריילעבע נייעס אין שטאָט

איר קענט זיך ערלויבען צו עסען אלערליי
סענדוויטשעס צו א ביליגען פרייז
2 סענדוויטשעס פאר 15 סענט
פון בעסטען קאָרנד ביף, פאסטראמא, ראָלד ביף, באָלאָני, און אלע אנדערע פרישע דעליקאטעסען.

קאָרנביף 65 סענט א פונט.
שיקאגאָר ווארשט 50 און 60 סענט א פונט

מיר סערווירען רעגולאר מאלצייטען און לאָנטשעס.
קומט און איבערצייגט אייך, פאר שנעלע סוירווים און צופרידענהייט.
מיר דעליווערען סענדוויטשעס אין פעקטאָרים.

ליבמאַנ'ס כשר דעליקאטעסען!

303 ספעדיינע עוו. — טעלעפאָן טריניטי 4621.

הענרי ס. ראָזענבערג

אנאנסירט, אז הרצל ראטענבערג איז ניט מער פארבונדען מיט דער פירמא, און אז מר. ראָזענבערג זעצט פאר זיין לאָו פראקטיק אין די זעלבע אָפיסעס אלס

הענרי . ס. ראָזענבערג און קאָ.
באריסטערס, סאָליסיטאָרס א. ז. וו.
703—702 פעדעראל בילדינג.. 85 ריטשמאָנד סטריט
טעלעפאָנס: עדלייד 1387 — 1386.
און אז איצט זענען פארבונדען מיט אים
האריס ג. בריסטאן און לעאָנארד ס. סמיט

מאָרטגיידזשעס אויף 6 פראצענט

דייוו שער

מארטגיידשעס געקויפט און געליהען
מיר גיבען עצות פריי — טעלעפאָן
511 פעדעראל בילדינג — עדלייד 5808

לאָיער ניומאן

אָפיס: 4 ריטשמאָנד סטריט איסט ELGIN 1305
רעזידענס 16 הופער עוו. טעל. טריניטי W 9329.

טעלעפאָן עדלייד 9768. הויז טעל. טריניטי w 8195

לאָיער דזשאָזעף ט. גארדאָן

באריסטער, סאָליסיטאָר, נאָטארי פאבליק.
האָט געמופט זיין אָפיס אין:
300A דאָמיניאָן באנק בילדינג
465 בעי סטריט.

אָפיס: 347 בעי סטריט
511 נעישאנאל בילדינג
אָפיס טעלעפאָן: ווייווערלי 2211
הויז טעלעפאָן טריניטי 7461.

לאָיער ב. וויינבערג ב.א.

באריסטער, סאָליסיטאָר, נאָטערי פאבליס
געלט צו לייען אויף מאָרגיידזשעס
מאָרגיידזשעס געקויפט.

Morris Auto Body Repair Company

מיר זענען גרייט צו טאן אלץ פאר אייער אויטאמאביל, און צו פאר־ריכטען די באָדי, דעם פענדער, רעדיאייטער, לעמפס, עקסעלס, טשייסים, רעדער ״דיוקא״ איבערפארבען. אלע ארבייטען געמאכט שנעל און גאראנטירט. מעסיגע פרייזען.

464 באטהורסט סט. טריניטי 1950
לעבען קאלעדזש סט.

יעצט איז די צייט

(31

צו פארטראכטען זיך וועגען דער צוקונפט און פארזארגען פאר'ן "קויהלען-ווינטער". ערשטענס וועט איר פראפיטירען פון די זומער־פרייזען, און צווייטענס וועט איר וויסען, אז איר קריגט די בעסטע קוילען ארונטערגעשאטען אין אייער קעלער צום מינימום פרייז. באשטעלט יעצט.

די איטאן קויהלען קא.

טעלעפאָן עדלייד **2696**

IMPERIAL

יאָנג און דאנדעס סט. ר. ק. א. וואָדעוויל
דער קיהלסטער פלאץ אין שטאָדט
די גאנצע היינטיגע וואָך
א דראמע פון דזשעז און יוגענט

„ווילדע קאמפאניע"

מיט ה. ב. וואָרנער און א גרויסען קעסט

אויף דער בינע: —
אן אינטערעסאנטע וואָדעוויל פראגראם — 5 פון די גרעסטע און בעסטע וואָדעוויל אַקטען.

SHEA'S HIPPODROME

די גאנצע היינטיגע וואָך

„אינסייד דהי ליינס"

ראָלף פארבס און בעטי קאמפסאָן

אויף דער בינע:
— דזשאָרדזשי פרייס אין א קאָמעדיע־אַקט ״וואָט פרייז דזשאָרדזשי״.
5 „ביג טיים" אַקטען

אלע זענען געלאדען צום פינפטען יערליכען

פרייד און איזראעל
פיקניק

וועלכער קומט פאר

היינט א גאנצען טאג אין לאָנג בראַנטש פארק

גיימס, רייסעס, שפּילערייען, און אנדערע אמוזירונגען.
נעמט לייק שאָר סטריט קאר און זי וועט אייך ברענגען צום פלאץ.
קומט פארברייננגען א טאג ביי א פיקניק, מיט דער פרייד און איזראעל מיטגלידערשאפט.

איבערראשענדע באקאנטמאכונג!

— די — יוניטעד כשר סאסעדזש קא.

לאָזען וויסען די טאראנטאר אידען בפרט, און די אנטאריא'ר בכלל, אז מיר פאַרקויפען עכט כשר'ה ארטיקלען, בהשגחת ועד הרבנים דטאראנטא, ווי וואורשטען, ברוסטען, פאסטראמא, קאָרנביף און ווינערס.

צו די ערשטע אָרדערס וועלען מיר געבען א ספעציעלע מתנה, ביי וועלכער איר וועט קענען קריגען א גאָלדענעם זייגער.

קאַנטרי אָרדערס פינקטליך דעליווערט.

פרובירט אונזערע ארטיקלען, און איר וועט זיך איבערצייגען אין זייער גוטסקייט, ריינקייט, און ביליגע־פרייזען.

אונטער דעם מענעדזשמענט פון,
מלה קאַץ
אונזער אדרעס איז:
155 שומאק סטריט, אין ריער טעלעפאָן עלגין 3087.
טעלעפאָן אָרדערס פינקטליך אטענדעט.

הערצל ראטענבערג

מאכט באקאנט אז די געזעץ פירמע פון ראָזענבערג און ראטענבערג איז איצט אויפגעלייזט. און אז ער האט געעפענט א נייעם אָפיס אויף

901 סטערלינג טאוער בילדינג
קאָרנער בעי און ריטשמאָנד סט.
אָפיס טעל. : עלגין 1611. וואוינונגס טעל. קינגסדייל 7845

אבי אויף שמחות

יונג און אלט טרעפען זיך ביי

פריימאן ברידער

ווייל דאָן דארף מען האָבען אן "אפ־טו־דעיט" טאקסידא סוט און מיר מוזען דאָס אלע מאָל האָבען, ווייל אונזער טרייד איז מערסטענס מיט אוניווערזיטעט סטודענטען.

אונזער פרייז איז בלויז $2 פאר א סוט
מיר רענטען אויך קאָמפּליט אוטפיטס.

פריימאן ברידער, 571 יאנג סטריט
טעלעפאָן קינגסדייל 3270

LOEWS

די גאנצע היינטיגע וואָך.
נאָרמא שירער
וויליאם היינס
„וועי אוט וועסט"
מיט פאלי מאָרען
5 — אַקטען וואָדעוויל — 5

באקאנטמאכונג —

אלע וועלכע ווילען מאכען אייזערנע פענס ארום דעם בית הקברות, אָדער פיקסען די אלטע ווי אויך פיינטען זאָלען זיך מעלדען צו

דזש. אייזענבערג
670 דאנדעס סטריט וועסט.
טעלעפאָן טריניטי 5421.

406-8-22

ששו ושמחו בשמחה של מצוה

מיר די קאָנגרעגיישאן רודפי שלום אנשי קיעוו, קאָרנער בעלוויו און דעניסאן מאכען בעקאנט צו אלע טאראנטאר אידען, אז מיר פראווען די ערעפענונג פון נייעם ארון קודש, און פיקסטשורס

היינט צוויי נאכמיטאג

בעטען מיר אלע אידען פון שטאדט בכלל, און אונזערע מעמבערס און פריינט בפרט, צו קומען נעהמען אן אנטייל אין דער גרויסער שמחה של מצוה.

מיר וועלען זיך פיין אמוזירען. א גרויסארטיגער פראגראם איז צוגעגרייט.

מאיר ווילסאָן פרעזידענט
און קאמיטע.

געלט פאר צדקה

אויף דער חתונה פון די קינדער פון מר. און מרס. גאָלדע קראסנאוו און אברהם מאיר ווערטמאן פון „נייאגרא־פאלס, איז געזאמעלט געוואָרען דורך מר. עפשטיין און מר. הערש שוט, 14 דאָלאר לטובת דעם אויפבוי פון דער חברונער ישיבה.

תלמוד תורה עץ חיים קוויטירונגען

אויף א תנאים ביי מר. אברהם גרינשטיין 11 באלדווין סטריט, איז געזאמעלט געוואָרען 5 דאָלאר. די כלה האט געבראכט דאָס געלד אין אָפיס.

אויף א חתונה ביי מר. אלקנה אפעלבוים 123 אקספארד סטריט פון זיין טאכטער חיה צו מר. יחזקאל פייגענבוים איז געזאמעלט געוואָרען 5.75 דאָלאר.

מיר באדאנקען אלע מנדבים און ווינשען מזל טוב צו די בעלי שמחות אז זיי זאָלען זוכה זיין צו די נעקסטע שמחות מתוך נחת עושר וברכה.

ש. סאנענבערג, סעקרעטער.

מושב זקנים קוויטירונגען

פון א חתונה וועלכע איז פארגעקומען אין וואוינונג פון זייער אנקעל מר. און מרס. י. קיסאנסקי, 386 ראקסטאן ראוד איז אן אפיעל געמאכט געוואָרען ביי מר. ל. ראפאפארט פון ברענטפארד אנט. און איז געזאמעלט געוואָרען $6.50, דער זעלבער האט געבראכט דאָס געלד.

מיר ווינשען מזל טוב חתן כלה און דאנקען הערצליך אלע מנדבים.

דאנקזאגונג

די זקנים וזקנות דריקען אוים א הארצליכען דאנק צו דער גרויסער סאסייטי פרייד אף איזראעל וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו געבען אונז א פיקניק יעדען יאָהר.

זיי האָבען ווירקליך ארויסגעצייגט איידעלע און פריינדליכע באציהונגען צו אונז און מיר ווינשען זיי דערפאר געזונד און גליק מיט זייערע פאמיליען אויסלעבען זייערע יאָהרען ביי זיך אין די היימען.

טאראנטאר מושב זקנים.
ס. הערים, פרעזידענט.

חכם עינו בראשו!

א קלוגען מענשענס בליק איז פון אָנפאנג.

פריינט און קאסטימער, דער גרויסער יום טוב ראש השנה איז נאָהענט, ווען אלע וועלען זיך פארזאמלען פאר דעם אלהעכסטען רעגירער. וועלכער איד וועט דאָס ניט באניען א שעהנעם סוט אָדער קאוט? ער זאָל אויסזעהן פון דעם בעסטען קלאס מענשען לאלתר ולחיים.

פארשטעהט זיך אז נאָר צו אָרדער געמאכטע סוטס קוקט מען אוים פון דער בעסערער קלאס.

אָרדערט גלייך ביי צוויקעלס אימפארטירטע וואָרע. מיר האָבען א גוטען סעלעקשאן פון פיין ענגלישע סוירדזשעס, אינדיגא דאי, צוואנציג אונצעס גאראנטירט, אויך שווארצע פארשידענע שעהנע וואָרע, פענסיע וואורסטעד פון אלע קאָלירען א. ז. וו.

די בעסטע ארבייט און פיט גאראנטירט. מיר פארקויפען אויך סוטלענגס און טרימינגס פאר שניידער, צו האָלסייל פרייזען, גלייך צוגעשניטען.

אייער פריינט,

C. L. ZWICKEL
Custom Tailor and Designer
606 Dundas St. W. Toronto
Tel. TRinity 3122w
Established 1898

MERRYMAKERS
מערימייקערס
סאנסייד ביטש

אַן אויסגעצייכענטער רעוויו פון געזאַנג, טענץ און קאָמעדיע
יעדען אָווענט פון 8.15. שבת און יום־טוב פון 7.15. יעדע וואָך אַן אינגאנצען נייער פראָגראם. — איינטריט 25 סענט. קינדער 15ס.

די מאונט כרמל ליידיס אוקזילערי

וועלכער איז א געטשארטערטע ליידיס סאָסייטי, אנאנסירט א קאמפיין פאר מיטגלידער פאר די קומענדע דריי חדשים.

פרויען פון 20 ביז 42 יאָר זענען ווילקאָמען ארייננצוקומען אלס מעמבערס. איינטריט פריי

פאר אינפאָרמאציע זיך ווענדען צו:

מרס. זינגער,
טשערליידי,
184 גרענדזש עוו.
טעלעפאָן טריניטי W 5195.

מרס. צימערמאן,
פינאנס סעקרעטארין,
152 ביטריים סטריט,
טעלעפאָן טריניטי 7682.

אָדער צו מרס. גאָלד, 209 מארקהאם סט. טעל. טריניטי 0227.

קויפט אייערע קוילען פאר'ן ווינטער ביי דער גוט־באקאנטער קוילען ־ פירמע

יאנאווער קאהל קאמפאַניע

מיר פארקויפען רימייל און האָלסייל אלע סאָרטען קוילען, ווי אויך הארטע קוילען פאר בלאוערס, וועלש קוילען פאר פורניים און בלאוערס.
איר קענט ביי אונז קויפען די בעסטע ריידיאם אויף לייכטע טערמס.

268½ קווין סטר. וו.
אָפיס טעלעפאָן עדלייד 8766.
רעז. טעל.: טריניטי 8781.

רעדוצירטע פרייזען פאר אויגוסט און סעפטעמבער רומס $5 און העכער

סאלפער ספרינגס האטעל אין פרעסטאן

שעהנע רומס, גוטע בעדער, געזונטער קלימאט און פרישסטע בעסטע מאכלים סטריקטלי כשר

גרויסער מאָדערנער שווימינג פול איז ערשט געעפענט געוואָרען פון דער שטאָדט פארוואלטונג אין פרעסטאָן.

סאלפער בעטס זענען רעקאָמענדירט פאר די פאלגענדע קראנקהייטען: רומאטיזם, לאמבעיגא, ניורייטיס, סייעטיקא, אין אלע פארמען פון ארטרייטיס, גאוט, פעטקייט, נערוועזער צושטאנד, שלאפלאזיגקייט, א. ז. וו. בעסטע באקוועמליכקייטען און צופרידענהייט גאראנטירט.
פאר אלע אינפארמאציעס און רעזערוויישאנס קאן מען זיך גלייך ווענדען צו 43 סיסעל סט. טעל. טריניטי 8694.

אָדער

Sulphur Springs Hotel

Preston, Ontario.

פארברענגט דעם זומער אין -

Lakeside House
JACKSON'S POINT, P. O.
ONT.

מאָדערנער האָטעל ביים ברעג פון לייק סימקא.
פריוואט זאמדיגער ביטש איצט פארטיג. דער שענסטער אין קענעדע.
פאר אינפארמיישאן טעלעפאָנירט:
"SUTTON" LAKESIDE HOUSE (M. ALSPECTOR)
אָדער מרס. זאלצמאן, 608 דאנדעס סט. וועסט, טעל. טריניטי 8946.
דער באָס ברענגט אייך צו צום טיר.

א אידישער גאראזש אין אידישן דיסטריקט

מיר פיקסען אלסדינג אין א קאר, אלע מאָדעלס קארס, די בעסטע ארבייט גאראנטירט און צו מעסיגע פרייזען. שנעלע סוירוויס, פרייע טאָאינג. $1 וואש, אלעמייט, געז, אויל, טייערס, טיובס, "פרעס א לייט" בעטערים.
אָפען 24 שטונדען.

CRANGLES GARAGE
קאלעדזש און מארקהעם סטס. טעלעפאָן טריניטי 3868.

לאָיערס דזש. גלעס און אי. פי. דיסלעה

— פון —
גלעס, דיקלער און קאָ.
רום 501 דאָמיניאָן בילדינג, 465 בעי סט.
אָפיס טעלעפאָן עלגין 5512.
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאָו־פראקטיק.
געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

לאָיער מאָריס ש. מילסטאָן

אנאנסירט אז ער האט געעפענט אַן אפ־טאון אָפיס אין

סטענדערד; טעאטער בילדינג
287 ספעדיינע עוו. טעל. טריניטי 4666
אָבען אָווענטען. דאון־טאון אָפיס, 394 בעי סט. טעלעפאָן עלגין 6002.
רעזידענץ טעלעפאָן טריניטי W 4022.